נחמן מייזיל

# ח. נ. ביאַליק

פאַרלאַג
„צוקונפט"
וואַרשע.

85

נחמן מייזיל

# ח. נ. ביאַליק

(די וועגן פון זיין שאַפן)

צווייטע אויפלאגע

פאַרלאַג
„צוקונפט"
וואַרשע.

דאָס בוך דרוקט זיך פון פריער צוגעגרייטע
מאַטריצן, דעריבער איז דאָ פאַרבליבן די
אַלטע אָרטאָגראַפיע.

געדרוקט אין 2000 עקז.
וואַרשע, 1921.

Ch. N. Bialik. — N. Majzel. Wydawnictwo „Cukunft“, Leszno 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

# I.

נישט גלייך איז ביאַליק צוגעקומען צו זיך, צו זיין פּאָעטישער וועלט. ער איז דורכגעגאַנגען אַ שטיק וועג, ביז ער האָט זיך מיט זיך געטראָפען.

ביאַליק איז נישט דער פּאָעט דער ליריקער, וואָס די שירים ביי איהם זענען דער טאָג-בוך, דער גלייכער אָבקלאַנג פון דאָס איצטיגע לעבען, ער איז אויך נישט דער קינסטלער, וואָס לעבט שטענדיג אין דעם שאַפען און אין הכנות צום שאַפען און ווייסט נישט קיין בעזונדער לעבען אויסער דער שאַפונג. ביאַליק'ס פּערזענליך לעבען איז נישט אינגאַנצען פערבונדען מיט'ן שרייבען, ער קומט צו צו דער שאַפונג און טרעט-אָב פון איהר און דאָס שאַפען איז נישט דער גאַנצער ביאַליק, דער אָנהויב און סוף פון איהם. אפילו זיין שאַפונג איז גייסט פון זיין גייסט און לייב פון זיין לייב, אָבער עס איז נאָר אַ שטיק פון זיין „איך", אַ טייל פון'ם גאַנצען אין איהם, אַ וועלטעלע פון אַ גאַנצערער וועלט. פריהער לעבט ביאַליק אַליין און דאָס שאַפען איז אַ שמאָל וועגעל ביי זיין ברייטען וועג. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען זענען די שירים געדיכטע שאָטענס פון גאַנצע געשטאַלטען, וואָס האָבען געלעבט אין ביאַליק'ן, אָבער אין די ערשטע יאָהרען שטאַמען די שירים דער עיקר פון אויסען, פון דער זייט, ווען ער אַליין און זיין אינערליכע וועלט זענען נאָך נישט אויסגעוואָקסען אין זייער גאַנצער הויך. אין די ערשטע יאָהרען האָבען ביאַליק'ן פערנומען טעמען, וואָס זענען אויסגעוואָקסען נישט אין איהם נאָר אָן אַ זייט, ער אַליין האָט נאָר די שירים צינויפגעשטעלט, און זיין אייגענס, דאָס ביאַליק'ישע, איז נאָך דאָרט נישטאָ.

די מאָטיוען און שטימונגען פון די ערשטע יאָהרען זענען אָנגעוועהטע פון דער זייט, פון דער העברעאיש-חבת-ציונ'דיגער וועלטעל, עס הערשען די אַלגעמיינע טענדענצען פון מאַכטלאָזיגקייט, אָבהענדיגקייט און אַ געדריקטע האָפנונג-שטרעבונגען, וואָס האָבען

אָנגעפֿולט די הערצער פֿון די דערשלאָגענע בית-המדרש יונגע-לײַט צוריק מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר. פֿון אײן זײַט בעוואוסטזיניגער בטול פֿונ׳ם פֿאָלקס לעבען, און פֿון דער צווײטער — נאַאיווע משׂכּילישע פֿערגעטערונג פֿון ארץ-ישׂראל און קרענקליכען בענקען נאָך ציון. די שאַרפֿע פֿײַלען פֿון די ערשטע משׂכּילים זענען שוין געלעגען פֿערטעמפּטע, און דעם יודישען געדאַנק האָט פֿערנומען קלײנליכער סקעפּטיציזם און פֿאַרבלאָזע שטרעבונגען. י. ל. גאָרדאָן און ש. פֿרוג — דער פּרעדיגער פֿון מאַכטלאָזען סקעפּטיציזם און דער זינגער פֿון ראָז-פֿאַרביגער האָפֿנונגען — זײ בײדע זענען געװען אין אַ געוויסער מאָס די ליטעראַרישע פֿאָרקומער ביאליק׳ס און ווי פֿערשײדען עס איז נישט זײַן נאַטור און פּסיכיק פֿון זײערע, האָט ער צוערשט געצויגען ווײַטער די פֿעדים, וואָס זײ האָבען אין זײערע הענד געהאַלטען, די געדאַנקען און מאָטיווען פֿון זײ בײדען האָבען אין דער ערשטער צײַט איהם פֿערנומען.

דאָס מזל האָט אַזוי געפֿיהרט, אַז אינ׳ם סאַמע אָנהויב פֿון זײַן ליטעראַרישער טעטיגקײַט איז ביאַליק ארײַנגעפֿאַלען אין אדעס, אין דער סביבה פֿון בני-משה מיט אחד-העם און מ. ל. ליליענבלום אין דער שפּיץ. לעבעדיגע פֿאָלקס-אוצרות האָט מען בעוואוסטזיניג דערווײַטערט פֿונ׳ם אויג און האַרץ, יניקה האָט מען געצויגען פֿון אָבסטראַקטע אידעען און ווײַטע רוח-היהדות, און האָפֿנונגען-שטרעבונגען האָט מען געלעגט אויפֿ׳ן ווײַטען צוקונפֿט, וואָס שטאַמט אינגאַנצען פֿון געדאַנק. בכלל איז דער שטח פֿונ׳ם דענקען און פֿיהלען געווען דאַן אַזאַ ענגער, פֿון פֿאָלקס-מעשׂים און פֿאָלקס-לעבען האָבען ערשט דאַן שפּראָצונגען זיך בעוויזען, און דאָס ביבעל אָדעסער אינטעליגענץ האָט עס נישט בעמערקט און נישט געוואָלט בעמערקען. מיט גרויסען בטול האָט מען געקוקט אויף אײגענעם לעבען און מיט יראת-הכּבוד אויף דער אויסערער קולטור, פֿאַר די אויגען איז אָהן אויפֿהער געשטאַנען די פֿראַגע וועגען ווײַטערער עקזיסטענץ פֿונ׳ם פֿאָלק. דער קוק אויף דאָס יודישע לעבען איז אינגאַנצען געווען דיקטירט דורך דער אינערליכער און אויסערליכער רעאַקציע, וואָס האָט אין די קרײַזען געפֿיהרט צו נעגאַטיווע בעציהונג און צו אָבלײקענען פֿיעל אין לעבען. דער אויפֿרוף „לא זו הדרך” איז געווען געווענדעט נישט נאָר צום ארץ-ישׂראל-לעבען, נאָר ער איז געוואָרען דער לאָזונג פֿון דער גאַנצער יו-

דיכטער וועלט. ביאַליק איז געוואָרען דער קינסטלערישער אויסדריקער פון דער חבת-ציון-יודישקייט. עס האָט געמוזט אַזוי-אַרום איננגאַנצען פערשטעלט ווערען דער גוואַלדיג-שטראָמענדיגער קוואַל פון חיות און קראַפט, וואָס האָט געלעבט אין איהם, און זיין גבורה און זיין דורשט נאָך ליכט און לעבען האָבען זיך איינגעשרומפּען אין די ד׳ אמות, וואו ס׳האָט געהערשט פּערצווייפלונג, אָבהענדיגקייט און אַ קליין-ביסעל גלויבען אין ציון. און אַזוי-אַרום איז ביאַליק, געגען זיין אייגענער נאַטור, געוואָרען דער שוואַרץ-זעהער און סקעפּטיקער, אין דער צייט, וואָס אין איהם האָט שוין געלעבט אַזוי פיעל קראַפט, ליעבע און ענטציקונג.

אויף וויפיעל די שטימונגען און מאָטיווען פון זיינע ערשטע דיכטערישע יאָהרען שטימען כלל נישט מיט זיין נאַטור, מיט די רייכע פיעל-פאַרביגע אוצרות, וואָס זענען געווען בעהאַלטען אין זיין גרויס האַרץ, דאָס זעהען מיר וויטער, ווען ביאַליק׳ן איז געלונגען קומען צו זיך, און זיין אינערליכע קראַפט האָט פאָרט קעגען די אויסגעאַרבייטע און שטרענג-געשטעלטע וועלט-אַנשויאונג זיך אַרויסגעריסען אויף דער פרייער וועלט. אָבער די שולע, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אין דער אדעסער סביבה, האָט אויף איהם איהר שטעמפּעל געלעגט, און איינגאַנצען זיך בעפרייען פון איהר האָט ער נישט געקאָנט.

„אל הצפור״, „בשדה״—זיינע ערשטע שירים זענען אויסדריקען פון דער חבת-ציון-שטימונג. גרינגער בטול פון יודישען לעבען און נאאיוו-בענקענדע טרוימען נאָך דאָס אמת׳ע לעבען דאָרט. דער עיקר פון יענעם לעבען זענען די פעלדער, דאָס קרענקליכע רייסעניש צו ערד און ערד-אַרבייט. און ביאַליק, וואָס האָט זיך קיינער ביז איהם אַזוי שטאַרק און פיעל-פאַרביג נישט דורכגעפיהלט און דורכגעלעבט די אַרומיגע נאַטור, שטעהט אין די ערשטע שירים אָבהענדיג און געדריקט, אָהן גבורה און אָהן לעבען ביי דער נאַטור.

„איך שטעה פאַר דעם פעלד פאַר דעם רייכען — זאָגט ביאַליק — דעם רוישענדיגען, פרעהליכען, ברייטען און פיהל ערשט איצט מיין אָרעמקייט און ס׳עגבערט אין קאָפּ דער געדאַנק—נישט איך האָב דאָס פעלד געאַקערט, נישט איך האָב מיט קערנער

פֿערזײַהט עס, נישט איך װעל צונױפֿנעהמען די פֿולע בעלאָדענע זאַנגען".

אַזױ זעהט ער אין די ערשטע יאָהרען די אַרומיגע נאַטור דורך דער פּריזמע פֿון חבת-ציון-װעלט-אַנשױאונג, אָבער באַלד האָט ער אַ טרײסט:

„און דאָך זענט איהר מיר טײַער, פֿעלדער, טױזענד מאָל טײַער, װײַל איהר דערמאָנט מיר אָן די װײַטע ברידער, װאָס אַרבײטען אין לאַנד פֿון מײַנע עלטערען, און אין דער רגע הױבען זײ אױף זײער קול פֿון שפּיץ-באַרג און פֿון טאָהלען, און זײ ענטפֿערען מיר אױף מײַן ברכה, װאָס כ'שיק זײ פֿון דאַנעט („בשדה" תרנ"ד)

נישטאָ אין די שירים פֿערזענליכע מאָטיװען, װאָס שטאַמען פֿון אײגענע צופֿרידענהײַט אָדער אײגענער ענטציקונג. דאָס אײגענע איז אײנגאַנצען אָבגערוקט און פֿערשטיקט טיף אינװעניג, און מיר זעהען נאָר דעם דורכשניטליכען געדאַנק פֿונ'ם מיטעלען יודישען אינטעליגענט. אין דעם שיר „אל הצפור" הערען מיר נאָך שטאַרקער אָט די האַרץ-קלאַפּען און קלאָגענישען פֿונ'ם יודישען יונגער-מאַן, זײַן טרױמערישע ציהעניש נאָך ארץ-ישראל.

ער דערצעהלט פֿאַר'ן פֿױגעלע זײַן שװער ביטער האַרץ: „נישט קײַן געזאַנג װעסטו הערען פֿונ'ם קאַלטען לאַנד נור קלאָגערײַ" און ער רײַסט זיך אַהין, אין טרױמערישען לאַנד, װאָס איז אױסגעװאָקסען אין דער דעמאָלטיגער אַטמאָספערע און ער רופֿט-אױס: „װער װעט מיר געבען פֿליגעל, װעל איך פֿליהען אין דעם לאַנד, װאו עס װאַקסען ראָזינקעס און מאַנדלען".

דאָס איז שױן נישט דער ארץ-ישראל, װאָס לעבט אין נעבעל, ער איז שױן אַראָבגעריסען פֿון זײַן הײליגער הױך און איז געצױגען מעהר צו דער ערד. עס פֿעהלט איהם די אַמאָליגע שענע קדושה װאָס עס האָט גערוהט אין די מהות פֿון חדר-קינדער און עס האָט נאָך אױך נישט די ברײטע האָריזאָנטען פֿון שפּעטערדיגען הערצל-ציוניזם. —

„ברענגסטו מיר אַ גרוס פֿון פֿרוכט פֿונ'ם לאַנד,
פֿונ'ם טאָהל, פֿונם בערגעל, פֿון די שפּיץ בערג?
האָט שױן גאָט זיך דערבאַרעמט אױף ציון,
אָדער זי איז נאָך פֿערװיסט און פֿערלאָזט אױף קברים?"

## II.

אויסער די ליעדער פול מיט בענקשאפט און רייסעניש אהין צום לאנד פון עלטערען, זענען אין די ערשטע יאהרען פארהאן ביי ביאליק'ן שירים, וואס דערצעהלען וועגען שוואכען אומעט און מאכטלאזע אונבעהאלפענקייט. „ווי גרויס איז, ווי גרויס איז דער אומעט אין דער ברייטער, פוסטער וועלט" (* תרנ"ו) רופט-אויס ביאליק — און חזר'ט עס איבער אין פערשיעדענע** שירים. די שווערע שטימונג, אהן א שום שטראהל פון האפנונג און טרייסט, וואס האט געהערשט אין דער סביבה וואו ביאליק איז אריינגעפאלען, האט איהם איינגאנצען אבגעריסען און דערווייטערט פון זיין וועלט, וואו ער האט דורכגעלעבט זיין יוגענד און וועלכע האט איינגעווארצעלט אין איהם געזונדטע זאפטיגע ווארצלען פון שיינענדיגע ליכט און שעפפערישע קראפט. פון יענער פראכטפולער וועלט איז פערבליבען א פוסטער חלל, וואס איז אנגעפולט געווארען מיט מאכטלאזע פערצווייפלונג. פערוואונדערט בלייבען מיר, ווען מיר גלייכען־צו די ליעדער פון די ערשטע צעהן יאהר מיט די שפעטערדיגע, פון וועלכע עס שפריצט אזוי פיעל שיין און בעגייסטערטע ענטציקונג. „פון געבוירען-אן בין איך אין מיסט געווארפען, נישט ארומגעוואשען פון בלאטע, בין אין שמאטעס געוויקעלט. אנ'אויסגעדארטע ברוסט האט מיר מיין פערקלאגטע מוטער אויסגעצויגען, פון איהר האב איך געזויגען דעם כוס מיט סם. פון דאן־אן האט דער שלאנג זיך פערקליבען אין מיין הארץ, דער שלאנג, וואס פערסמ'ט מיך און זויגט מיין קראפט... אוי, וואוהין זאל איך פון זיין צארן ענטלויפען, ענטרינען? לעבען לעב איך נישט און אויך שטארבען איז מיר שווער" (הרהורי לילה תרנ"ב).

אזוי קלאגט זיך ביאליק, אבער מיר פיהלען, אז די אנגסטען און קלאגענישען שטאמען נישט פון אינערליכען וועהטאג, עס זענען מאטיווען גענומען פון אויסען, דער היפוך פון ליריש ליעדער, וואו פון אייגענע פערזענליכע איבערלעבונגען, פון רייגען הארץ שטראהלט־אב אויף אויסען, און די וועלט קומט־ארויס בעפארבט מיט אנ'אייגענארטיגען קאלאריט. אין דעם זעלבען שיר קלאגט ער זיך ווייטער: „איך קוק אויף דער ערד קעהר זיך ארויף, נישטא

קיין זעהעניש, נישטא קיין נבואה אלץ נאכט און פינסטערניש. פון געבוירען־אן האט מיך גאט בעשאפען פאר אנ'ארעמאן, א קאליקען, געגעבען מיר א שטעקען און געזאגט: געה, געה זוך לופט פאר דיין אטהעם, גנב'ע ליכט פאר דיינע אויגען". אזוי בעטריבען און דערשלאגען רעדט וועגען לופט און ליכט ביאליק, וואס האט אונז שפעטער פערבלענדעט די אויגען מיט זיינע שטראהלענדיגע ליעדער. אין דעם שיר זענען שוין פארהאן גלענצענדיגע שורות וועגען נאטור, פערעלדיגע אויסדריקען וועגען הימעל און שטערען, אבער דער פערצווייפלער אין ביאליק'ן טרייבט־אב די נאטור, וואס וויל איהם פערשפינען אין איהר שפינוועבס. „די שענקייט פון הימלען, וואס זענען פערשפרייט איבער מיר און זענען געפינטעלט מיט שטערענדלעך־פינטלען, ווי פערעל; די ווייכקייט פון רוהיגע ווינדטעלעך, וואס שוועבען שטילערהייד מיט די פריעדליכע מלאכים אויף דער ערד און דערצעהלען אין־דער־שטיל, מיט א קוש און מיט וואונקען צו די גרעזעלעך פון פעלד גאטס סודי־סודות; א שטילער, רוהיגער שלאף, א געזונדטער און הייליגענדיגער — נישט פאר מיר איז עס, נישט פאר מיר, דעם קינד פון פערוועמדיגער מיסט!"

און ביאליק פערטיעפט זיך דאן נישט איינמאל אין זיין אייגענער נשמה און וויל ענטפלעקען דעם סוד און וועזען פון זיינע מאטיוען און יעדעס מאל ברענגט ער מיט זיך די אנגסטען און ליידען, וואס ער האט איינגעזאפט אין דער ארומיגער סביבה. דעם אומעט און שווערקייט, וואס איז אויסגעוואקסען אין זיין אידעען־אטמאספערע, פיהרט ער אריין אין אייגען הארץ און בעקלאגט זיך, פונקט, ווי זיי שטאמען פון אייגענער, פערזענליכער מאכטלאזיגקייט. און אזוי־ארום פעהלט אינגאנצען דער פערזענליכער יסוד אין ביאליק'ס ערשטע שירים, זיי זענען נישט פונ'ם אנהויב ביז'ן סוף דורכגעלעבט און דורכגעפיהלט, און דערום זעהען מיר נישט אין זיי דעם אמת'ן נאטירליכען און אונמיטעלבארען ביאליק.

אין דעם ליעד „שירתי" פלייסט ער זיך צוגעהן צום קוואל פון זיין מוזע און ער דערגרייכט צו דער טרעהר און צום ליעדעל פונ'ם גריל. „ווייסטו פון וואנעט איך האב ערווארבען מיין שירה" פרעגט ער ביי זיך און ענטפערט: די שירה האט ער געשאפט ביי דעם ארעמען משוב פון דעם איין־און־איינציג ליעדעל „ווען אויפן

האַרצען איז געווען שווער און אַרום איז געווען פֿינסטער", דאַן „האָט דער גריל געגרילצט פֿון די שפּאַרינס פֿון וואַנד. זײַן שירה האָט נישט געצאָרנט, נישט געטרײסט און נישט געוויינט, אויך שעלטען האָט זי נישט געקאָנט, זי איז געווען אומעטיג, וויסט ווי דער טויט, ווי מײַנע נאַרישע יאָהרען, און טרויעריג אָהן אַ סוף." (שירתי).

אויף וויפֿיעל אָט די מאַכטלאָזע מאָטיווען זענען נישט נאַטיר־ליכע פֿאַר ביאַליק'ן און זענען פֿרעמד פֿאַר איהם, דאָס זעהען מיר שפּעטער, אין די שפּעטערדיגע שירים, וואו ער קעהרט־זיך ווידער אום צו דער זעלבער פֿראַגע, וועגען דעם מקור פֿון זײַן שירה און זעהט עס גאָר אין אַנ'אַנדער פּנים. ביאַליק נעהמט־אָן דעם שווערען געמיט פֿאַר אייגענעס און רעכענט, אַז דער שלאַנג, אויף וועלכען ער קלאָגט זיך, אַז ער טריפֿט אַרײַן גיפֿט אין זײַן האַרץ, איז אויסגעוואָקסען פֿון פּערזענליכע לײדען, אָבער מיר פֿיהלען אין די ליעדער פֿריהער פֿון אַלץ כּלל־צרות. די ליעדער זענען צופֿיעל אבסטראַקטע, געדאַנק־ליעדער. פֿאַרהאַן מליצה, פֿאַרהאַן דערקלערענישען, אָבער עס פֿעהלט אין זיי דער לעבעדיגער האַרץ־געשרעה, דאָס אונמיטעלבאַרע אָבשטויסונג־געפֿיהל, ווען דער פּער־זענליכער ווילען שטויסט־זיך צוזאַמען מיט'ן ווירקליכען לעבען. די שירים זענען נישט קיין פּראָטעסט־אויפֿרוף, און דערום איז נישטאָ אין זיי ביאַליק'ס קראַפֿט און דאָס בעזונדערע בעפֿליגעלטע ביאַליק־וואָרט. עס רעדט נאָך נישט אין זיי דער אויסדערוועהלטער, גאָטס־געבענשטער משורר, עס דריקען זיך דאָ אויס געדאַנקען פֿון אַחד העם'ס בית המדרש. דאָ און דאָרט אין די שירים רוקט־זיך אַרויס פֿון אונטער די פֿערנעבעלטע הימלען זײַן זון און גיסט בלאַנקענדיגע זאַפֿטיג־רײַכע שײַן, אָבער עס פֿיהלט זיך אַ שווערע מאַכט, וואָס פּרעסט די שײַנענדיגע שטראַהל־געפֿיהלען, ביאַליק'ס קראַפֿט איז אַרײַנגעטהון אין אַ שווערען יאָך, וואָס לאָזט נישט פֿו־נאַנדער שפּרייטען זײַנע מעכטיגע פֿליגעל.

אַ בליײַענע, צוגעדריקטע אונבעהאָלפֿענקײַט ליגט אויסגעגאָ־סען אין דעם שיר „בתשובתי", ווי ביאַליק דערצעהלט וועגען זײַן אומקעהרען זיך אַ היים. אַ מאָדנער שווערער טרויער הענגט אין לופֿט עס איז שווער אָבהעטעמען. נישט פֿון זײַן האַרץ שטראַהלט אראַב אַ שײַן אויף די היימישע בילדער, און נישט די היים בע־

גייסטערט איהם. פֿאַר די לעצטע עטליכע יאָהר וואָס ער איז געוועזן אין דער פֿרעמד, האָט ער פֿון דאָרט גאָרנישט געבראַכט זיין אַלטער היים, און אויך די היים איז ביי איהם אין די אויגען נישט אויסגעוואָקסען. ער זעהט זיינע נאָהנטע דורכ׳ן טונקעלען נעבעל פֿון זיין מאַכטלאָזער פֿערצווייפֿעלטקייט און ער געפֿינט נישט פֿאַר זיי קיין מילדע פֿאַרבען, קיין ווייכע ווערטער, נור קרעכצען און הספּד־ווערטער. „און ווי אַמאָל זענען דאָרט אין מערב־ווינקעל אָנגעצויגען שפּינוועבס־פֿעדעם פֿונ׳ם שפּין, פֿול מיט פֿערטריקענטע פֿליגען". און ביאַליק פֿאַלט־צו צו דער טויט־אומעטיגער סביבה און רופֿט־אויס מיט אַ שווערער געמיט: „נעהמט מיך, ברידער, אין אייער חברה! אינאיינעם וועלען מיר פֿוילען, ביז מיר וועלען אינגאַנצען פֿערשמעקט ווערען".

## III.

ווי מיר האָבען געזעהן, אַלע ביאַליק׳ס לידער פֿון די ערשטע יאָהרען אַבסטראַקטע און פּראָבלעם־לידער. אין די לידער קומט נישט דאָס לעבען גלייך, עס געהט דורך אַ אידעען־וועלט, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אין אַ בעשטימטער אידעען־אַטמאָספֿערע, און ווי אַזוי האָט דאַן ביאַליק געקוקט אויפֿ׳ן יודישען לעבען, און ווי האָט עס אויסגעזעהן אין זיינע אויגען?

ערשט אין דער פּאָעמע „המתמיד"—די פּאָעמע און איינציגער אויף דער פֿאַמפֿלעט פֿון דעמאָלטיגען יודישען בית־המדרש־לעבען— זעהען מיר ביאַליקען בשעת ער בעגעגענט זיך מיט׳ן לעבען. אפילו אויסערליך שילדערט ער נאָר דעם בית־המדרש, אָבער דאָ זענען פֿאַרהאַן די ליכט און שאָטען פֿונ׳ם גאַנצען יודישען לעבען. דער בית־המדרש, די יודישע וועלט, שטעהט אָן דער זייט אונטער אַלטע איינגעבויגענע וועגד, בעדעקטע מיט פֿערשטויבטען שפּינוועבס. דער בית־המדרש איז אינגאַנצען פֿערזונקען אין שאָטען, ער איז פֿערלאָזט פֿון זיינע קינדער, איינציגע נאָר זיצען אין זיינע טונקעלע ווינקלען ביי אַלטע, אָבגעלעבטע ספרים מיט קליינע חלב־ליכטלעך.

„עס שטעהען די וועגד דאָרט פֿערהילט און פֿערוויקעלט אין שאָטענס, אין טונקעל". ביאַליק אַליין איז געוועזן איינגעהילט אין די שאָטענס, אין דעם טונקעל פֿון בית־המדרש און שיעור־שיעור

האָט ער דאָרט זײַן נשמה נישט בעגראָבען און דער „המתמיד" איז שיעור נישט געוואָרען אַ מצבה אויף זײַן אייגען לעבען. ביאַל.ק שטעהט פאַר דעם בית-המדרש און פאַר דעם טרעגער פון בית-המדרש-נשמה, פאַר'ן מתמיד, מיט אַ פערגאַפט האַרץ און דערשלאָגען געמיט. עס מישען זיך אויס אָט די געפיהלען בײַ איהם. אָט בעדויערט ער די יאָהרען וואָס געהען פערלאָרען בײַם מתמיד, וואָס מאַטערט זיך מיט „אמר רבא" און ווייסט נישט פון וועלטען, שענקייט און ליעבע, און באַלד שטעהט-אויף פאַר איהם דאָס אייביגע יודישע פאָלק און דער סוד-הקיום און ער קניהט און בוקט זיך פאַר'ן מתמיד. ערטערוויַיז איז עס ווי אַ ודוי אויפ'ן אייגענעם לעבען, אַ שטיק סך-הכל אויף אייגענע אַוועקגעהענדיגע יאָהרען, און ער קומט מיט טענות און מאָהנט בײַ עמיצען און ערטער-וויַיז זוכט ער די נשמה פונ'ם בית-המדרש און דערגרייכט צו איהר. „צי דאָ איז דער אָרט, וואו עס שאַפט זיך דעם פאָלקס נשמה ? צי דאָ איז דער מקור פון איהר בלוט, וואָס האָט אַרײַנגעטריפט אין איהם אייביג לעבען ?" פרעגט ביאַליק און גראָבט זיך אין די טיפענישען פון בית-המדרש קוואַל, און אָט גיסט ער אויס זײַן האַרץ אויף דעם יונגערמאַנ'ס יאָהרען, וואָס ווערען בעגראָאין בית-המדרש :

„און דאָס וואָס עס שרײַט דיר
דאָס לעבען מיט הונדערטער-טויזענדער שטימען, —
האָסטו פון דעם אַלעמען אַזוי ווי אַ שטומער
און טויבער, אַ שאָרך נישט פערנומען :
און האָסטו יעדען קלענסטען פערלאַנג - פון נשמה
מיט די אייגענע הענד און דײַן יוגענד דערשטיקט :
און יעטווידער בלוס, וואָס שפּראָצט דאָרט בעהאַלטען,
האָסטו אָהן רחמנות צעריסען צעפליקט,
ביז וואַן ס'איז דײַן זעלע פערמאַטערט געוואָרען
און איז אײַנגעשלאָפען פערהונגערט, בעטריבט
פון דורשט און פון לוסט, וואָס איז קיינמאָל בעפרידיגט, —
ניט זי האָט—קיין צווייטער האָט זי ניט געליבט...
און די אויגען, די ליכטיגע אויגען, וואָס זענען
בעשאַפען געוואָרען צו זעהן די וועלט,
זיי זענען, קיין זאַך נישט פערלאַנגענד, פערפינסטערט

און ווערען אין חשך פערפילט און פערשטעלט...
און לעבט אין א לעבען, וואס איז שוין לאנג בטל,
און קריכט ווי א שפין אויף א וועג, וואס איז וויסט".

און אזוי געהט איבער ביאליק פון א בעדויערענדיגען טאן צו א פאריגאפטען, און שווער צו זאגען, וועלכער איז דא דער הערשענדיגער. אבער אין דער פאעמע הערט זיך זיין הארץ-קלאפען, און דיביידע געפיהלען, דער בעדויערענדיגער און פערגאפטער, שטאמען שוין פון טיעפקייט פון אייגענעם הארץ, ביאליק אליין האט געלעבט אין די שאטענס פונ'ם בית-המדרש, אליין געווען א שטיק מתמיד, איהם איבערגעוואקסען, איהם איבערגעוואקסען אין יודישען לעבען און איהם איבערגעוואקסען אין זיך אליין. אינ'ם סוף פון „המתמיד" רייסט זיך ביי איהם ארויס: „ווען איך דער-מאהן זיך זייער קול, וואס וויינט אין די נעכט, ווי די קרעכצען פון דערהרגעטע טהוט שרייען אין מיר מיין הארץ. רבונו של עולם! די כחות, אויף וואס געהן זיי פערלארען?" און ביאליק רוקט-זיך אב אן א זייט און זאגט: מיין מזל האט נישט בעשערט, איך זאל מיט אייך אינאיינעם פערלארען געהן!"

און ביאליק איז גובר דעם בית-המדרש, און אנשטאט קלאנ-גען האט ער אנגעהויבען פערנעמען אבקלאנגען, אנשטאט בילד דאס אבבילד, דער רעאלער בית-המדרש געהט אריבער אין פאנ-טאזיע, אין טרוים. און פון דער זייט שטעהט ער אויף פאר איהם אין היסטארישער וויטקייט, אין סינטעטישער פארשטעלונג.

אין א שפעטערדיגען שיר „אם יש את נפשך לדעת" (תרנ"ח) געהט ער צו צום בית-המדרש מיט גאר אנ'אנדער אבשאצונג. אויב דו ווילסט וויסען דעם קוואל פון וואנעט אונזערע ברידער האבען געשעפט שטארקייט און קראפט, טרייסט און בטחון, אויב דו ווילסט זעהן די שויס, אויף וועלכער עס איז אויסגעגאסען טרעהרען הארץ און נשמה פון דיין פאלק, — געה אינ'ם אלטען בית-המדרש, דארט אין די ווינקלען, אונטער'ן אויווען ווארפען אראב זייער יאך „פערהארעוועטע, פער'חשכ'טע יודען" מיט א בלעטעל גמרא, פער-געסען זייער ארעמקייט מיט'ן מדרש און פערשטילען זייערע דאגות מיט א קאפיטעל תהלים — און דאן — „וועט דיר דיין הארץ זאגען, אז דיין פוס האט אנגעטראטען אויפ'ן שוועל פון אונזער

לעבענס־הויז און דיין אויג האט זיך אנגעשלאגען אן דעם אוצר פון אונזער נשמה״.

און פון זינט־אן זיין פוס האט אנגעטראטען אויפ׳ן שוועל פונ׳ם לעבענס־הויז, און זיין אויג האט דערזעהען דעם אוצר פון אונזער נשמה, האט ביאליק אויפגעלעבט. זאפטיג און קאלאריט־רייך ווערט ער אלץ מעהר און מעהר, ער ציהט גבורה פון פאלקס־נשמה און דערפיהלט אויך זיין אייגענע נשמה, און עס הויבט זיך אן ווי א נייער ביאליק, א קרעפטיגער בעפליגעלטער מיט גבורה און שיין.

ער קומט מיט א נייעם שיר „רזי לילה״ (תרנ״ט), וואו עס פלאנטערן זיך שאטען אין ליכט, טונקעלער אומעט און ציטערדיגע פרייד. אין הארץ לעבט נאך דער פריהעררדיגער טרויער, אבער פון עקען וועלט ציהען זיך אין הארץ פערבארגענע מונטערע געפיהלען געדאנקען און פיהרען אין א נייער וועלט, אין דער אייגענער וועלט. עס וואכט־אויף אנ׳אלטער וואונדער חלום, עס לאזען זיך הערען קלאנגען און אבקלאנגען פון א פרישען לעבען, וואס געהט אויף אינ׳ם אייגענעם הארץ פונ׳ם געדיכטען נעבעל. „און פלוצלונג איז געווארען ענג מיין נשמה צו לעבען אינ׳ם שאטען פון מיין הויז, און ווי א קנעכט זוכט א שאטען און אנ׳אדלער א וואלקען, אזוי געהט־אויס מיין נשמה נאך שטערען״.

און ביאליק רופט־אויס מיט פרייד:

„אין מיר האט זיך אויפגעוועקט מיט זיין גאנצער שטארקייט דער געפיהל פון א דיכטער.

## IV.

„דער יונגערמאן האט געטראגען אין זיין הארץ די שטארקע זונען־שיין און אויך די פינסטערניש פון נאכט און איהרע סודות, אבער דורשטען האבען זיינע אויגען געדורשט נאר נאכ׳ן מארגענשטערן״ (מגלת האש). ביאליק האט געדורשט נאכ׳ן שיין, נאך ליכט. יאהרען־לאנג איז געהאנגען אויף איהם די פינסטערניש פון דער נאכט און געדריקט זיין געמיט, און פלוצלונג האט ער אויפגעוואכט. די אויגען האבען מיט פייער א גלאנץ געטהון, ער האט פריי און ברייט אבגעטהעמט און איינגאנצען א פרישער און נייער

גערוואָרען. בלוט האָט זיך צעגאָסען אין אַלע זיינע איברים, און עס רייסט זיך ביי איהם אַרויס:

„גאָט, עס האָט מיך פערפלייצט די ליכט!"

„דאָס האַרץ צעגיסט זיך, געהט איבער די ברעגען און רייסט זיך אַרויס, ווי אַ קוואַל מיט קוועלענדיגע שיין און ליכט" (צפרו-רים, תר"ס).

ביאַליק דערגרייכט די העכערע שטופע פון זיין שאַפונג, ער דערגרייכט זיך אַליין, דערגרייכט צו זיין אינערליכע שעפערישע וועלט.

ביאַליק איז דער פּאָעט פון ליכטיגקייט, פון ליכטיגקייט, וואָס פערבלענדט די אויגען און צעגיסט שיין, פרייד און ציטערענדיגע גליק אין אַלע גלידער. ער בעהערשט די ליכטיגקייט מיט גע-שמאַקפולע זעטיגקייט און בעקומט דערפון קרעפטיגע גאַנצקייט, זעטיגע, איבערפליסענדיגע גליק.

„גאַנצע וועלטען גייסט גיסט אין מיר אַריין
יעדער שטילער בלאָז, יעדער זונען-שטראַהל;
מיט דעם פולען מויל טרינק איך לופט און שיין,
און אין האַרצען טיעף עפענט זיך אַ קוואַל.
(אויף דעם הויכען באַרג)

און דער קוואַל ווייזט זיך אַרויס אַזאַ טיעפער און שטראָ-מענדיגער אין די טיעפענישען פון זיין קלאָרער שיינענדיגער נשמה נעפינט זיך אַזוי פיעל לוסטיגע קראַפט, אַזוי פיעל ליעבע פשוט-האַרציגע ליעבע צו זעטיגקייט און פרייד, צו גבורה און טהאַטען.

ס'פלייצט אין האַרצען אַ שטראָם פון לעבען, רייסט זיך. בעט זיך אַלץ אַרויס!"

אין דער שטראָם האָט זיך דורכגעריסען דורך די „ווינטער ליעדער". די יודישע פּאָעזיע האָט נאָך פון אַזאַ גבורה און אימ-פעט נישט געוואוסט. קיינער ביז ביאַליק'ן האָט נאָך ביי אונז אַזוי שטייף און קרעפטיג נישט איבערגעגעבען אינערליכע געפיהלען.

„אַלץ איז הפקר! אוי דו פוהרמאַן: טראָג מיך ווייט, געשווינ-דער, גיכער אין דער אונענדליכער ווייטקייט, וואַרף מיין גייסט אין לעבענס-ווירבער, טראָג מיך ווייט! וואוהין? נישט פרעג מיך. אלצאיינס איז מיר! וואו נאָר עס גליהט כאָטש אַ פונק פון פרייד און לעבען, און אַ טראָפען בלוט עס זידט נאָר".

פֿערשכורט און פֿערכשופּט איז ביאַליק פֿון פֿרייד און לעבענס־לופּט. ער וואַרגט זיך מיט דער איבערפֿליסענדיגער גבורה, ער האָט קיין כח און קיין געדולד נישט איינצוהאַלטען אין זיך דעם שטראָם פֿון ליכט און פֿרייד, וואָס רייסט זיך פֿון איהם. ווי דער טייך אין זיין שטאַרקסטען וואַסער־פֿאַל און שטראָמען־געמיש: מיר זעהען דעם ברויזענדיגען וואַסער־קאָך, מיר זעהען דעם שטראָמענדיגען אימפּעט און נישט דעם גרונד און אָבגרונד. און ביאַליק איז שוין אַרויס פֿון זיין געזעצטער וועלט־אָנשויאונג און בעוואוסטזיניגער רוהיגקייט. יעדע שורה אין די ווינטער־ליעדער וועקט און רופּט, שפּריצט מיט שיין און קראַפֿט און ווערט פֿערכלינגעט מיט'ן אייגענעם אימפּעט און חיות. און אין די ליעדער איז די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם נישט דער הויפּט־עלעמענט, ווי אין די פֿריהערדיגע. יעדער שיר לעבט מיט אייגענעם חיות, מיט'ן אייגענעם איינדרוק, עס קוקט נישט אַרויס פֿון דאָרט דער פֿאָרגעדאַנק, די נאַצ־אָנאַלע וועלט־אָנשויאונג.

פֿון וואַנען איז אָנגעקומען אָט דער שטאַרקער שטראָם פֿון ליכט און גבורה? זענען די געזונטע, שייגענדיגע ליעדער, וואָס שפּריצען מיט אַזוי פֿיעל לעבענס־לוסט, געבוירען און אויסגעוואַקסען נאָך פֿון אייגענעם האַרץ און שפּייזען זיך כלל נישט פֿונ'ם אַרומיגען לעבען? קאָן מען געפֿינען דעם געזונטען, שעפּפֿערישען זאַפֿטיגען באָדען, פֿון וואַנען ביאַליק האָט געזויגען די שטייפֿע האַרמאָניע פֿון ליכט און קראַפֿט?

איז דען נישטאָ קיין צוזאַמענבונד צווישען דער לעבענס־אַטמאָספֿער מיט דער גייסטיגער וועלט פֿונ'ם דיכטער?

שווער איז בעהויפּטען אַז ס'איז נאָר אַ שעפּפֿערישער סוד. עס איז דאָך אוממעגליך אָבזונדערען דעם קינסטלער'ס אינערליכע וועלט פֿון דער אַרומיגער און נישט ווערען בעמערקען די פֿעדים, וואָס ציהען זיך פֿונ'ם לעבען אין האַרץ אַריין און געבען איהם די יניקה, די שפע.

עס איז וויכטיג דערום צו וויסען, ווי האָט אויסגעזעהן דאַן דאָס יודישע לעבען אין ביאַליק'ס אויגען און ווי האָט עס געגעבען איהם די קרעפֿטיג־מונטערע געפֿיהלען, וואָס ער האָט פֿערשטייפֿט און פֿערגאַנצט דערנאָך אין זיינע איצטיגע ליעדער.

דער שטח, וואָס מ'האָט זיך שטענדיג געפֿלייסט פֿונאַנדער

שפרײַטען הינטער׳ן געשטאַלט פֿונ׳ם נאַציאָנאַלען משורר איז גע-וועו אַ טויט-אומעטיגער און אָבהענדיג-דערשלאָגענער. און בײַ פֿיעל איז שוין אַזוי פֿערבליבען און פֿעראײַביגט געוואָרען ביאַליק׳ס דיכטערישער פרצוף אויפ׳ן טרוקענעם פּאָן פֿון „אכן חציר העם”, „מתי מדבר”, „אכן גם זה מוסר אלהים” א. א. וו.

איז טאַקי דאָס יודישע לעבען דורכאויס דעגענערירט, אַז עס קאָן אַרויסרופען נאָר שווערע אונבעהאָלפענקייט, פֿערשאָלטענע פֿערגליוערטקייט—, אָדער עס פֿערמאָגט נאָך אינערליכען חיות און מונטערע קראַפֿט, זאַפֿטיגע שפּע און געזונטע שפּראָצונגען? און ביאַליק האָט אַזוי-אַרום אין זײַנע מונטערע לידער פֿאָרגעזעצט דאָס, וואָס דאָס לעבען אַליין האָט געשאַפֿען? שווער דערויף צו ענטפֿערען.

ביאַליק איז אויך דאָ נישט רעאַליסטיש. ער אַבסטראַגירט די אַרומיגע סביבה, וואַרפֿט אַראָב די רעאַליסטישע קליידער און גיט נאָר דעם לירישען אָבגלאַנץ. נישטאָ דאָ קיין רעאַלע גע-שטאַלטען, די לידער זענען ריין-ליריש, לירישע אָהן זײַערע ערשטען גלגול, אָהן זײַער פֿאָרגעשטאַלט. ביאַליק קומט נישט גלײַך פֿון לעבען, ער קומט פֿון די אײַנדרוקען-איבערלעבונגען, ווי זיי זענען פֿיקסירט אין איהם, שוין אָבגעטײַלטע פֿון דער ווירקליכקייט. און אַזוי-אַרום שפּיגלען זיך זײַנע שאַפֿונגס-אימפולסען אין זײַן אייגען הארץ און שפּיגלען-אָב די אינערליכע האַרץ מאָטיווען. עס איז דערום דורכגעסטיליזירטע שענקייט, וואָס האָט מעהר פֿון אי-נערליכען האַרץ, ווי פֿון אויבערליכער וועלט. „איך האָב נישט זוכה געווען אין ליכטיגקייט פון אויסען — רופֿט-אויס ביאַליק אין אַ שפּעטערדיגען ליעד—ס׳איז מיר אויך נישט פון מײַן פֿאָטער בירושה איבערגעגאַנגען. איך האָב עס פֿון מײַן אייגענעם שטיין געשלאָגען און אויסגעריסען פֿון מײַן האַרץ”.

אַזוי איז עס אין די ליעדער. אין די ערצעהלונגען אָבער, וואו ביאַליק איז רעאַליסטיש, דאָרט זעהען מיר שטיקער-לעבענס, ווי ס׳האָט זיך בעוויזען אין ביאַליק׳ס אויגען. פֿאַר אונז שטעהט-אויף ז׳אָס לעבען אין אַ נײַער אויפֿפאַסונג, מיט שטײַפֿע און געזונדטע לעבענס-קערנער, מיט זאַפֿטיגע און קרעפֿטיגע פֿאַרבען. ביז ביאַ-ליק׳ן האָט מען אַזאַ געזונד און קערענדיג לעבען נישט געזעהן. נישט מענדעלי, נישט שלום-עליכם, נישט פרץ—פֿון די ערשטע יאָהרען—האָבען אַזוי דאָס יודיש לעבען נישט בעוויזען. מענדעלי׳ס

יודיש לעבען האַלט ביי גסיסה, שלום עליכם׳ס—לעבט מיט נסים, פּרצ׳ס איז פֿול מיט קרעכצען און זיפֿצען, ביאַליק׳ס לעבען האָט געזונדטע, קרעפֿטיגע וואָרצלען, וואַקסט און פֿעסטיגט זיך פֿון איי־גענע כּחות. „אריה־בעל־גוף״ „מאר־נקע״—עס זענען פֿרישע צאַפּעל־דיגע און קרעפֿטיגע לעבענס־שילדערונגען, וואָס דערצעהלען וועגען רייכע אוצרות־מעגליכקייטען, וואָס דאָס יודישע לעבען פֿערמאָגט נישט נאָר אינ׳ם גייסטיגען ירושה־אוצר, נאָר אויך אין דער גע־גענוואַרט־ווירקליכקייט. עס הערען זיך געזונדטע פֿעסטע טריט אויף אַ ברייטען זיכערען וועג, וואָס פֿיהרט פֿון אַ גאַנץ, זעלבשטענדיג לעבען, און זיי דערצעהלען וועגען דורות־לאַנגער שעפּפֿערישער אַרבייט און געשטעלטען לעבענס־נוסח. ווען ביאַליק וואָלט געגאַנ־גען ווייטער אין דעם וועג פֿון שילדערען דאָס יודיש לעבען, ווי ער בעוויזט אונז אין די פֿאָר־ערצעהלונגען, וואָלט ער אָהן ספק גע־שאַפֿען די עפּאָפּעע פֿון דאָס בעהאַרציגע און קלאָריט־רייכע יו־דישע לעבען אין וואָהלין. צום בעדויערען אָבער, האָט ביאַליק צופֿיעל געלעבט אין זיין אָבסטראַקטער וועלט. און זיין שעפּפֿערי־שע אָנשטרענגונג איז געווען געווענדעט אין אַנ׳אַנדער זייט, אין דער זייט פֿון יודישע גייסטיגע ירושה־אוצרות און דאָרט האָט ער געזוכט שפע, חיות און שענקייט. אין די פֿאָר ערצעהלונגען זענען פֿערבליבען איינצעלנע און ביאַליק׳ס שאַפֿונג.

ביאַליק איז נישט רעאַליסטיש נישט נאָר בנוגע צו לעבענס־געשעהענישען. אויך די נאַטור לעבט ביי איהם נישט אין איהרע רעאַליסטישע פֿאָרמען, זי קומט־אַרויס אַ פֿעראַלגעמיינערטע, אַ אַבסט־ראַגירטע. ביאליק ווערט ענטציקט פֿון דער נאַטור, ער אָטהעמט מיט איהר לעבען און לעבט־אויף פֿון איהר, אָבער ער שילדערט נישט די נאַטור אין איהרע אייגענע, כ׳וואָלט זאָגען, אין איהרע פסיכישע און פסיכאָלאָגישע צושטאַנדען. די נאַטור, ווי מענשען, לעבט אין אייגענאַרטיגע פֿאָרמען און האָט זיך בעזונדערע כאַראַ־קטער־שטריכען. ביאַליק גיט די עסענץ, די סך־הכל שטימונג, דעם אָביעקטיוויזירטען קאָלאָריט, אויסער זיין סוביעקטיווען לבוש, עס איז אַזוי־אַרום דער כּח דער חיות, וואָס לעבט אין דער נאַטור, ווען זי הערט־אויף זיין נאַטור און ווערט בעהעפֿט מיט׳ן מענש. די נאַטור ביי ביאַליק׳ן לעבט נישט אַליין אין איהר איי־גען־לעבען, זי טריפֿט כּח און חיות אינ׳ם מענש, די נאַטור ביי

איהם איז צופיעל מענשליך. זי לעבט מיט מענשליכע געדאנקען. עס שוועבט אויף איהם ביאַליק׳ס גייסט, אַט לויפט־אָן אויף איהר אַ מרה־שחורה׳דיגע מאוים׳דיגע דונקעלהייט, אָט שטראַהלט זי און בלאַנקט מיט שיינענדיגער ליכט.—עס איז געווענדט אין דעם שטימונגס־צושטאַנד פון ביאַליק׳ן.

עטליכע יאָהר האָט געדויערט ביאַליק׳ס לעבען אין דער שיינענדיגער וועלט, דאָס האַרץ איז געווען בעפליגעלט מיט קראַפט און לוסט, און געזונדטע, מונטערע פּערלאַנגען האָבען געלעבט און געוואקסען אין איהם, אַ וויכער פון זונען־שיין און מערקווירדיגע נאטור געזאַנג האָט געקאָכט אין איהם, און פאַר דער צייט האָט ער אָנגעשריבען די ליכטיגסטע און פראַכטפולסטע בלעטלעך אין דער נייער יודישער פּאָעזיע. ביאַליק אַליין איז אין געפּענגעניש ביי דער בלאַנקענדיגער שיין, ער באָדט זיך אינ׳ם ים פון שיינענדיגער ליכטיגקייט:

„וואַקסט און מעהרט זיך, איהר ליכט, אין מיין האַרץ,
מאַכט ציטערען זיינע סטרונעס און לעבט,
און מיט אַמאָל זאָלען אַלע מיינע אברים
אַ נייעם געזאַנג ברומען און זאָגען“.
(בשורה תרס״ג).

אַ וואונדער־געוועב פון הימעל־ריינקייט און אמת יודישע שטראַהלענדיגע שיין איז זיין פּאָעמע „זוהר“. די נשמה פונ׳ם דיכטער געהט־אויס אין דער האַרץ־בענקשאַפט און ליעבע נאָך דער נאַטור. די ליעבע איז א צנועה׳דיגע. עס איז אַ שענע, וואונדער־ליכע וועלט, רייך אין פאַרבען און פול מיט ראַשיגע בילדער, עס פערבלענדט רעם אויג און פערכאַפּט דאָס האַרץ. ביאַליק שעפט פולע הויפענס פון דער אויסגעצאָסענער שענקייט און ווי א פערשכורטער בלייבט ער ליגען אין דער שויס פון דער נאַטור.

אַזוי איז ביאַליק צווישען דער נאַטור: אָט ליגט ער ווי אַ קינד, אָהן מאַכט, אַ פּאַר׳חלש׳טער מיט אַ פּערבענקט האַרץ און ענטציקטע בליקען, און אָט רייסען זיך פון זיין האַרץ וויכער־אויסרופען און מונטער געשרעהען פון איבערפולטע און איבערפלי־סענדיגע קראַפט און הנאה.

## V.

נישט בעשערט איז געווען דער יודישער משורר זאל לאנג לעבען אין אזא וואונדערבארער, מונטערער און ליכטיגער וועלט פון לויטער שיין און קראפט. די ימים ליכט האבען זיך אלץ וויי־טער און ווייטער געגאסען אין זיין הארץ, ער האט נאך אלץ געצאפעלט פון גליק און פרייד. און פלוצלונג זענען אנגעלאפען געדיכטע, טונקעלע נעבלען. ער האלט נאך אין מיטען שפינען די גאלדענע זונען־שטראלען, און פון דער זייט רוקען־זיך־אן און צעקנאלען זיך שוידערליכע געשעהנישען, וואס האבען פערטויבט און פערהילכט פערוואונדעט און פערוועהטאגט דאס הארץ.

„דען גאט האט דיר מיט מילדער האנד געשענקט א צווילינג:
א שחיטה מיט א פריהלינג.
דער גארטען האט געבריהט די זון האט געלויכטען —
און דער שוחט האט געשחטען"...

ביאליק האט נישט געוואלט זיין פריהלינג מיט שחיטה פער־בייטען, אבער ס'האט נישט געהאלפען. די געשעהנישען האבען געצויגען מיט צוואנגען דעם דיכטער און ארייגעשליידערט איהם אויף גוואלד אינ'ם מישמאש פון בלוט און אכזריות.

„דו לויפסט? צו ליכט און לופט אנטלויפסטו?
אנטלויף, אנטלויף — דער הימעל לאכט אויס דיר!
די זון וועט דיר מיט שפיזען אויסשטעכען די אויגען,
אקאציען מיט פרישע גרינס־און־וויס בעצויגען
וועלען סמ'ן דיך מיט ריח פון בלוט און בליטען,
דיין קאפ מיט בלימעלעך און פעדערען בעשיטען,
און שטיקלעך גלאז פון מיטען גאס מיט טויזענד גלאנצען
וועלען דיר ענטקעגען אויף דיין בייז־וואונדער טאנצען"...
(אין שחיטה שטאדט).

און די ווידערשפרעכענדיגע מאטיווען פון פריהלינג און שחיטה האבען אין איהם צוזאמען אנגעהויבען לעבען. די שטראהלענדיגע נאטור בעגייסטערט איהם אהן אויפהער, און די טראגישע געשעה־נישען רופען ארויס ביי איהם צער־און־צארן, אויפרעגונג און האס.

און מעהר ווי דער האס און צארן איז געווען געווענדעט קעגען די געשעהנישען און קעגען יענע, וועלכע האבען מיט ד,

געשעהנישען אָנגעפּיהרט — האָט ביאַליק זײַן כּעס געווענדעט קעגען די יודען. און קעגען די יודען ווײַזט ער אַרויס מעהר צאָרן איידער מעהר צער, כּעס און האַס, ווי מיטלייד און מיט געפיהל.
„פון שטאָהל און אײַזען, קאַלט, האַרט און שטום שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש, און קום!"

און ביאַליק שמידט-אויס זײַן האַרץ, ווען ער קוקט-זיך-צו צו די שוידערליכע בילדער, ער פּלײַסט זיך בלײַבען בײַ אייגענער שטאַרקײַט און וויל זיך נישט אָבלאָזען אינ'ם טרויער.

אין דער ערשטער מינוט איז ער נידערגעשלאָגען פון דאָס געשעהענע, אָבער באַלד בעהערשט ער זיך און נעהמט-אָן דעם שטראָפערישען און דערקלערענדיגען טאָן, און פון שילדערונגען גיהט ער איבער צו אויסרוף-געשרעהען, צו פּראָטעסט-ווערטער. ווײַזט-אויס, אַז דער אַרט בעשיצען פון די יודען זייער כּבוד און לעבען האָט געווירקט אויף ביאַליק'ן שטאַרקער, ווי די געשעהנישען גופא. און כּמעט די גאַנצע צײַט לעבט און וואַקסט אין איהם, זײַן בעציהונגס געפיהלען צום יודישען פאָלק, און עס פלאָנטערען זיך טרעהרען-זיפצען מיט שטראָף-רעד און קללות, רחמנות און מיטגעפיהל מיט האַס און עקעל. אַ אינערליכער קול רופט איהם און בעפעלט צו זײַן פון שטאָהל און אײַזען, קאַלט, האַרט און שטום. אָבער יעדעס מאָל רײַסט זיך אַרויס פון דעם צײַן קריצעניש, און שילטען א קרעכץ און עס ברעכט-אויס אַ טרעהר. דאָס האַרץ פּלאַצט פון שאַנד און וועהטאָג און ער כאַפּט זיך צוריק און פאָדערט בײַ זיך:

„וואָס זשע ווײנסטו, מענש?
צו וואָס פערדעקסטו מיט די הענד דײַן פנים?—
קריץ שטאַרקער מיט די ציין און פּלאַץ פאַר וועהטאָג?"

ער זעהט דאָס פאָלק אין שענדליכען, מאַכטלאָזען פאַלען און מיט אויפגערעגטען האַס שפּאָט ער ביז גאַליגען געלעכטער. און די אויפרעגונג וואַקסט אלץ מעהר און מעהר, און גאָר פּלוצלונג טהוט ער אַ קעהר זײַן פּנים און מיט צײַן קריצעניש ווענדעט ער זיך צו דער שכינה, וואָס האָט איהם געשיקט זעהן דאָס פאָלק אין זײַן שענדליכען פאַלען. ערגיץ - וואו לעבט-אויף, ווײַזט-אויס, דער געדאַנק, אַז ס'איז אַ גרויס זינד שטעהן בײַ אָפענע קברים אין אָפענע וואונדען און שיטען מיט שטראָף רעד און שפּאָט-ווער-

טעָר. און צו גאָט, צו גאָט, וואָס האָט געוואָלט בלײַבען גערעכֿט אין דער שוידערליכער געשעהעניש און געשיקט איהם צו זײַן זײַן שליח אויף שעלטען, צו דעם גאָט ווענדעט ער זיך און אָנשטאָט ווײַטער מאָהנען פֿאַר איהם, פֿאַר זײַן כבוד, הויבט ער אָן מאָהנען ביי איהם פֿאַר'ן כבוד פֿונ'ם פֿאָלק. און ביאַליק ווערט-אָן דעם פֿאָדים, אויף וועלכֿען עס ציהט זיך זײַן שטראָף-מגילה, און עס לאָזען זיך הערען אַנדערע ווערטער:

„איך בין אַהער געקומען, טויטע ביינער,
בײַ אײַך מחילה בעטען: זײַט מיר מוחל!
זײַט מוחל אײַער גאָט, איהר אייביגע פֿערשעמטע,
פֿאַר אײַער ביטערען, פֿינסטערן טויט.
און איהר וועט קומען מאָרגען אונטער מײַנע טהירען
און אָנקלאַפּען בײַ מיר און מאָהנען לוין—
וועל איך אײַך עפֿענען, קומט, זעהט איך האָב ניִשט!
אַ גאָט'ס רחמנות איז אויף אײַך, נאָר כ'האָב ניִשט!
אַ יורד בין איך, גלײַך מיט אײַך פֿעראָרעמט...
און וועה און ווינד און וועה איז אַלע וועלטען!
אין וואָלקען אײַנגעהילט איהר קאָפּ וועט אייביג
מײַן אַלטע שכינה ווײנען שטיל פֿאַר בושה,
און נאַכט-אויף-נאַכֿט וועל איך אַראָב פֿון הימעל
בעוויינען זיך אויף אײַער קבר”... (אין שחיטה שטאָדט).
און בײַ וועמען איז דער וועהטאָג שטאַרקער און וואו איז, די בושה גרעסער?

ווען אַ פֿאָלק פֿערליִרט די כחות, ווערט מאַכֿטלאָז און דער-שלאָגען, קאָן עס ווידער בענײַען זײַנע כחות און אויפֿלעבען, אָבער זײַן גאָט, ווען ער בלײַבט אַ יורד און האָט שוין מעהר קיין כח ניִשט, ווי צו ווײנען אין דער שטיל פֿאַר בושה,—וועמעס טראַגעדיע איז טיפֿער? ביאַליק איז צוגעקומען צו דעם געדאַנק און ווײַטער ניִשט געגאַנגען. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו די שטראָף-רעד.

אויב אין דער פאָעמע „אין שחיטה שטאָדט” מישען זיך אויס אויסגעשמידעטע שטראָף-רעד מיט ציטערדיגען צאַפּלען, איז דאָס צווייטע שטראָף-ווערק „דאָס לעצטע וואָרט” (געשריבען נאָר יודיש) אינגאַנצען געשאַפֿען דורך דעם האַרטען, ברוגז'ן שטראָ-

אין

פֿעָר. דער משורר האָט זיךּ אָבגעָרוקט פֿון די לעָבעָדיגעָ געָשעָחעָנישעָן און איז אַריינגעָפאַלען אין נעָץ פֿון נביאישעָ שטראָפֿעָריי. די שפּראַך און פֿאָרם האָבעָן דעָרגרייכט צו גאָר אַ הויכעָר מדרגה, אָבעָר עָס איז אַ פֿעָרקערפּעָרטעָ און אין נייעָ פֿאָרמעָן איבעָרגעָגעָגעָבעָנעָ ביבעָל-תוכחה, ביאַליק אַליין רופֿט עָס אָן נביאיש, און אַלס נביאיש נעָמעָן מיר עָס אָן, אַבסטראַקט און האַרט זעָנעָן די ווערטעָר אין „דאָס לעָצטעָ וואָרט", זיי קלינגעָן אָב מיט אַ פֿעָר-הילכטעָן אָבקלאַנג פֿון אַלטעָ, פֿאַרצייטיגעָ יאָהרען. עָס רעָגט-אויף און דעָרצאָרנט דעָר פּאַטעָטישעָר טאָן און די גרויזאַם-אָנגעָצויגעָנעָ פּאָזעָ בנוגע צום פֿאָלק. מיר זעָנעָן דאָך, איינגעָנטליך, שוין ווייט פֿון דור-המדבר, און אונזעָרעָ אויסדעָרוועָהלטעָ דאַרפֿעָן צו אונז נישט רעָדעָן מיט אַזוינעָ ווערטעָר:

„אויב איהר זעָנט שטיין—איז זי אייזעָן,
אויב איהר זעָנט אייזעָן איז זי שטאָל"...

און שווער, אונאַנגעָנעָהם ווירקט אויף אונז דאָס שעָלטעָן.

„נאָר ווייסט, איהר אונגליקליכעָ, ווייסט —
איך האָב אַ וואָרט, אַ שרעָקליך וואָרט,
וואָס וועָט אייך הויבעָן פֿון דעָם אָרט,
וואָס וועָט דאָס ליכט אייך מאַכעָן שוואַרץ
און וועָט פֿעָרסמ'עָן אייך דאָס האַרץ
און וועָט פֿעָרגיפֿטעָן אייך דאָס ביסעָן
און ביטעָר מאַכעָן אייך דאָס ברויט,
דאָס לעָבעָן וועָט דאָס אייך פֿעָר'מאוס'עָן
און וועָט נישט געָבעָן אייך דעָם טויט...
איך וועָל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסעָן
און וועָל בעָשפּייעָן אייך מיט בלוט"...

(דאָס לעָצטעָ וואָרט).

און אָט די תקופה פֿון אַ שעָלטעָר האָט נישט געָקאָנט לאַנג דויעָרעָן ביי ביאַליק'ן. עָר האָט נישט געָקאָנט פֿעָרבלייבעָן אין דעָר פּאָזעָ פֿון אַ שטראָפֿעָר און מיט אַ אויסגעָשמידט האַרץ זיךּ בעָציהעָן צו פֿאָלקס-אומגליקעָן. אין עָר קלאָגט זיךּ אין „לעָצטעָ וואָרט":

„איך בין געָשטראָפֿט פֿון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרעָנקט פֿאַר יעָנעָם.

וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדען שמאַרץ
און ווערט פערברענט פון יעדענס גיהינום".

און דאָס לעצטע וואָרט ביי ביאַליק'ן בעקומט דער טרייסטער מיטפיהלענדער, וואָס בלוטיגט פאַר פרעמדע צרות:

„גליקליך איז דער און געבענשט זאָל דער ווערען,
וואָס וועט פעראייביגען אייערע טרעהרען
הייליגע, צוויי־טויזענדיג־יאָהריגע טרעהרען".

(גלוסט זיך מיר ווייגען).

אויך אין די צער־און צאָרן־ליעדער איז ביאַליק געבליבען אַ פראָבלעמען־דיכטער. אויך אין די ליעדער טרעט־אָב דאָס ווירקליכע, רעאַלע אָן אַ זייט, און עס פערנעהמט דעם הויפט אָרט די פראָבלעם, דער געדאַנק. „אין שחיטה שטאָדט" הויפט ביאַליק אָן פון די שוידערליכע בילדער און, דוכט־זיך, וויל דערצעהלען פון דעם, וואָס ס'איז געטהין געוואָרען, אָבער באַלד פאַלען־אָב די רעאַלע שטריכען. די ווייטערדיגע בילדער זענען שוין נישט רעאַליסטיש. די איינציגע בעזונדערע שטריכען צעפליסען זיך, און עס קומט דאָס אַלגעמיינע, פעראַלגעמיינטע, בילד. נישט בילדער, נאָר איין בילד, נישט געשעהענישען, נאָר איין געשעהניש. דאָס פערזענליכע טרעט אָב, און עס פערנעהמט דעם אָרט דאָס כלליש'ע. ביאַליק איז דאָ ווידער דער עכטער נאַציאָנאַלער משורר, וואָס לעבט דער עיקר מיט נאַציאָנאַלע, גייסטיגע פראָבלעם־וועלטען. דאָס געשעהענע געהט שטענדיג דורך ביי איהם דורך דער נאַציאָנאַלער פריזמע, און ברענגט אַרויף אויפ'ן וואָגשאָל פון געדאַנק־געפיהל די פראָבלעם פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. אַלץ שפיגעלט זיך און שטראַהלט אָב אין'ם נאַציאָנאַלען שפיגעל פון'ם משורר'ס האַרץ. נישט די געשעהענישען אין זייערע רעאַליסטישע און פסיכיש־פסיכאָלאָגישע מאָמענטען, אויך נישט דער סאָציאַלער און סאָציאַלאָגישע עלעמענט זייערער טרעט־אַרויס אין די ליעדער. דורכאויס פערנעהמט ביאַליק'ן דאָס נאַציאָנאַלע, פון דער נאַציאָנאַלער הויך געהען אָב די שילדערונגען־איינדרוקען און צו איהם קעהרען זיי זיך אום.

אָבער דער נאַציאָנאַלער עלעמענט אין די איצטיגע שירים איז אנדערש פון דעם, וואָס איז געווען אין די שירים פון די ערשטע יאָהרען.

דאָרט איז געווען צופיעל פובליציסטיק, דאָרט זענען גע=

ווען קלײַנליך־סקעפּטישע מאָטיווען און נאַאיוו־שוואַכער אַר׳יסקוקען אויף ציון, און אין די איצטיגע שירים פּיהלט־זיך דער שטאַרקער גײַסט פון א גרויסען „איך“.

דער „איך“ אָבער, איז מעהר פון אַלעס אַ נאַציאָנאַלער „איך“, ווײַל שטאַרקער און שאַרפער רעאַגירט בײַ ביאַליק׳ן דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־בעוואוסטזײַן און נאַציאָנאַלע גאוה, אײדער דאָס פּערזענליכע געפיהל.

די צוויי עלעמענטען—פּערזענליכער און נאַציאָנאַלער—גאַנץ אָפּט זענען זיי פערשידען און צו גאָר בעזונדערע וועגען פיהרען זיי. דאָס פּערזענליכע איז שטענדיג געבונדען מיט פּסיכיש־לירישעס, מיט סוביעקטיוו־אינדיווידואליסטישעס. און דאָס נאַציאָנאַלע איז מעהר אבסטראַקט, אָביעקטיוו. ווי בײַ יעדער גרויסער פּערזענליכקייט, איבערהויפּט פון געדריקטע פעלקער, האָבען אויך בײַ ביאַליק׳ן געקעמפט די צוויי כחות: דאָס ריין פּערזענליכע—דאָס סוביעקטיווע, אינטימע, און דאָס נאַציאָנאַלע—דאָס סינטעטיש־געדאַנקליכע. געזיגט האָט בײַ ביאַליק׳ן דאָס נאַציאָנאַלע. דער עיקר איז בײַ איהם די פּראָבלעם פון די געשעהענישען, דער סינטעטישער סך־הכל און פועל־יוצא פון נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט. און אַזוי־אַרום ווערט געגעבען דאָס געשעהניש נישט פון אינוועניג, אין די פּסיכישע מאָמענטען, נאָר אין דאָס אויסערע און איבעראַשענדיגעס.

אָבער סוף־כל־סוף איז דאָס נאַציאָנאַלע אַזוי געקניפּט און געבונדען מיט דאָס פּערזענליכעס, אַז ס׳איז שווער אָבטײלען אײנס פון דאָס צווייטע. דער מעהר פיהלענדיגער בײַ ביאַליק׳ן איז דער נאַציאָנאַלער „איך“, אָבער אין די שפּעטערדיגע יאָהרען בלײַבט דער פּערזענליכער „איך“ אויך נישט גלײַכגילטיג. בכלל, קאָן שוין דער איצטיגער משורר נישט זײַן אינגאַנצען אַבסטראַקט, ריין פילאָזאָפיש געשטימט. די צײַטען פון הוילע אַבסטראַקציע זענען שוין אין פּאָעזיע, ווי אין וויסענשאַפט, לאַנג פאָרביי, אין דער איצטיגער מענש קאָן נישט לעבען אַבסטראַקט, אין דער וועלט פון לויטער פילאָזאָפיע. און בײַ ביאַליק׳ן ווען דער פּערזענליכער „איך“ שפּײַזט שטענדיג דעם נאַציאָנאַלען, פלעכטען זיך אויך אָפטמאָל אָט די צוויי „איך“, און צײַטענווײַז איז שווער צו דערגעהן, וואו ענדיגט זיך אײנער, און וואו הויבט זיך אָן דער צווײ־

טעָר. און אָהן קיין ספק, אַז אין יעֶדעָן פוּן זײַ ליעגט די קראַפט פוּנ׳ם אַנדערעָן, וואָס פעֶרשטאַרקט און פעֶרגאַנצט איהם. די פעֶרזעֶנ־ליכע גוטמוטיגקייט און געֶשמאַקפולעֶ קראַפט טריפעָן אַריין גבורה און בעֶגייסטעֶריגג אין די נאַציאָנאַלע מאָטיווען, און די נאַציאָ־נאַלעֶ חורבנות, די נאַציאָנאַלעֶ קלאָפ פעֶרטיפעֶן און פעֶרשאַרפען זיין אינטואיטיוועֶן גייסט.

און מערקווירדיג איז געֶוועֶן דעֶר פלאָנטעֶר, די צוזאַמעֶנבעֶ־ציהונג פוּן אויסערליכעֶ אייַנדריקעֶן און אינערליכעֶן גייסטיגעֶן צו־שטאַנד: דעֶר צער־אין־צאָרן האָט געֶפיהרט אַ שטאַרקעֶן קאַמף מיט זיין האַרמאָנישעֶ גאַנצקייט. אין קישינעֶוו, „וואו פייעֶר, האַק און אייזעֶן האָבעֶן אויף דער ווילדער חתונה אַ ווילדען טאַנץ געֶשפילט, דאָרט, וואו עֶר האָט געֶפיהלט דעֶם טויט־שרעֶק, וואָס האָט געֶפאָכעֶט מיט קאַלטע, שוואַרצעֶ פליגעֶל און וואַרגעֶנדיג זיך מיט טרעֶהרעֶן און צוין־קריצעֶניש, האָט עֶר אָנגעֶשריבעֶן זיין „על־השחיטה״ (אייר תרס״ג), — אין דעֶם זעֶלבעֶן קישינעֶוו, אין אַ חודש אַרום, (אין סיון) שרייבט עֶר זיין ליעד „עם שמש״. שפעֶטעֶר (תמוז תרס״ג — תשרי תרס״ד) פעֶרנעֶהמט עֶר זיך מיט „משא נמירוב״, דער נאָך מיט׳ן יודישעֶן „אין שחיטה שטאָדט״ — און באַלד הויבט עֶר ווידעֶר אָן שטריקעֶן מיט שטראַהלעֶן־שפּיזלעֶן דעֶם פראַכטפול זוניגעֶן געֶוועֶב פוּן גלעֶנצעֶנדיגעֶ נאַטור־שילדערונגעֶן: אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך „משא נמירוב״ (אין טבת תרס״ד) שאַפט עֶר די זוניגסטעֶ ליעדער, די „משירי החרף״:

„פריהיג קעלט, אַ קרראַ פוּן ראָבעֶן,
האָבעֶן מיר צעשטעֶרט מיין שלאָף
און איך ווייס ניט, וואָס איז פלוצלונג
אויף מיר אַ יום־טוב פרייד אַראָב
און איך ווייס נישט, וועֶר ט׳פעֶרגעֶסעֶן
ריינעֶם גליק אין האַרץ ביי מיר,
ווארום האָט מיין אָרעֶם צימעֶר
חן בעֶקומעֶן אָהן אַ שיעור״...

און ביאַליק שטייגט אַלץ ווייטעֶר און קומט צום סאַמעֶן איי־דעֶלסטעֶן און טייעֶרסטעֶן ציהרונג פוּן זיין ליעדער־אוצר, עֶר קומט צו צו „הברכה״ (תשרי תרס״ה). די פריהעֶרדיגע נאַטור־בילדעֶר זעֶנעֶן אויפרעגונגס־איינדריקעֶן פוּן נאַטור, זיי רעגעֶן־אויף דעֶם

דיכטער׳ס הארץ און רופען צו אקטיווע טהאטען. „הברכה״ איז א שטילער אבקלאנג, א סינטעז פון דער וועלט, וואס האט זיך גע־שאפען אינ׳ם הארץ פונ׳ם דיכטער. ווי א שטילע סאזשעלקע, וואס ביאליק דערצעהלט וועגען איהר, אז געבענשט מיט ליכט און גע־ווצהנט מיט שאטענס, לעבט זי צווישען שטילקייט און שטורם און טרוימט א טרוים פון א איבערגעקעהרטער וועלט, אזוי לעבט דא אין דער וואונדערבארער פאעמע ביאליק׳ס נשמה. פריהמארגען ווערט זי פערחלש׳ט אינ׳ם שויס פון איהר בעשיצער, דעם וואלד, און אין אווענד בעהאלט זי זיך אין זיין שאטען און מיט א בעזונדערע שטילקייט איז זי איינגעשטילט.

ער האט זיך אבגערוקט אין דער שטיל, זיך אבגערוקט פון אייגענעם שטורם און פון אייגענעם רוף און זיך פערוקט אין דער שטילקייט פון אייגענעם הארץ. אין „הברכה״ האט ביאליק איבער־געגעבען דעם זיי־געזונד דער וואונדערבארער וועלט, וואס האט אין איהם פון דער פריהסטער קינדהייט געלעבט. „הברכה״ פער־ענדיגט די שטורמישע תקופה אינ׳ם לעבען פונ׳ם דיכטער.

## VI.

פון דאן־אן הויבען זיך אן הערען נייע מאטיווען אין ביא־ליק׳ס פאעזיע, נייע ציטערדיגע טענער. ערגיץ־וואו, אין טיעפעניש פונ׳ם דיכטערס הארץ, האט עפיס געפלאצט, עס האט זיך דער ווידערקול איבערגעגעבען אין די געפיהלען־געדאנקען אין צוגעגע־בען א בעזונדער קאלאריט, וואס פערמאגט פון אייגענער שוואכקייט און אויך פון אייגענער הארץ־רייכטום. עס האבען זיך ארויסגע־רופען בעהאלטענע טענער, זיי ברענגען א גרוס. א אב־קלאנג פון א אינערליכע וועלט, וואס האט געלעבט ביים משורר. ביאליק קומט־צו צו די מאטיווען און קעהרט זיך אב פון זיי. ער האט דערפיהלט דאס נייעס, וואס האט זיך דערוועקט אין איהם און פערנומען הארץ און נשמה, אבער ער שרעקט זיך נאך אליין פאר זיך, פאר דער אינערליכער שטימונג, וואס ווערט אלץ רייפער אין איהם.

ביאליק דערגרייכט צום מאמענט, ווען מיט אמאל הויבען אן אוועקגעהענדיגע יאהרען אבקלינגען מיט א טרויער־קלאנג און דערוועקען טיעפע, בענקענדיגע געפיהלען־ערינערונגען נאך פער־

גאַנגענע טעג און צוזאַמען מיט דעם טריפּען זיי אַריין דריקענדיגע אונצופרידענהייט און האָפנונגלאָזע-געפיהלען אויף גרויסע טהאַטענס און גרויסע ווילענס, וועלכע זענען פערבליבען נישט דערפיהלטע און אין יענער צייט, אין יאָהר תרס"ה, האָט ער אָנגעשריבען „ואם ישאל המלאך", מגלת האש" „הכניסני תחת כנפך". אין די אַלע ליעדער הערען זיך אָבקלאַנגען פון אָט דער האַרציג-בעקענדיגער שטימונג.

און ווי אומעטום אַזוי אויך דאָ גיט ביאַליק נאָר דעם וויַיטען אָבקלאַנג אָהן די אונמיטעלבאַרע געפיהלען- וואָס האָבען עם פערנומען. ווי אין די פריהערדיגע ליעדער, איז אויך דאָ ביאַליק נישט אַ פסיכאָלאָגישער ליריקער און ער רעדט נישט וועגען זיינע אינערליכע איבערלעבונגען, ווי זיי זענען געבוירען און ציהען זיך פון אייגענעם האַרץ און געפיהל און זענען נאָך אין זייער פסי-כישען צושטאַנד. אויך דאָ גיט ביאַליק דעם אָבקלאַנג, דעם סינטע-טיש-אָבסטראַקטען סך-הכל פון דאָס געשעהענע.

בכלל זענען נאָך די שטימונגען אינטימע, שטיל-בעהאַלטענע, זיי זענען נאָך נישט אָנגעקלייַדט אין גאַנצע פערענדיגטע פאָרמען און נישט אָנגעצויגען אויף איין שנור. איינציגוויַיז, איינציגוויַיז וועֶרען אָט די געדריקטע געפיהלען-שטימונגען געבוירען אין פער-באָרגענסטע ווינקעלעך פון דיכטערס נשמה, און פון צייט-צו-צייט לאָזט זיך הערען אַ וויַיטער, דערוויַיטערטער גרוס. דער הויפט-מאָטיוו, וואָס געהט-דורך איבער אַלע שורות אין די נייע ליעדער איז א שטילע האַרץ-בענקשאַפט געמישט מיט געדריקטען געמיט און אונבעהאָלפענע פערצוויַיפלונג אויף עפּיס-וואָס אָנגעוואָרענעס, וואָס וועט זיך קיינמאָל שוין נישט אומקעהרען. זיין האַרץ און נשמה זענען אַריינגעטהון אין פערנעבעלטער פערגאַנגענהייט, און פון דאָרט ציהען זיך שטיל בענקענדיגע און האַרץ דריקענדיגע שטי-מונגען. ער הויבט-אָן אונטערפיהרען אַ סך-הכל צום אייגענעם לע-בען און שאַצט-אָב זיין אָרט און ווערט אין וועלט, און די טרויער-בילדער הויבען זיך אָן מיט גרויסען אומעט און נאָך גרעסערע בענקשאַפט און זיי געהען-אויס שטיל, שטיל, כמעט אהן ווערטער.

„אויב דער מלאך וועט דיך פרעגען, מיין קינד,
וואו איז דיין נשמה?
געה אין דער וועלט אַריין און זוך זי, מיין מלאך!

פֿאַרהאַן אין דער וועלט אַ רוהיג דאָרף, אַרומגערינגעלט מיט אַ וואַלד־מויער, און ביים דאָרף — אַ בלויער הימעל, אַ הימעל אָהן גרעניצען, אויפ׳ן בלויען הימעל איז אַ בן־יחיד אין מיטען: אַ אײן־און־אײנציג וואָלקענדעל, אַ ווייסער און אַ קלײנער. אין אַ זומער־דיגען ביי־טאָג האָט זיך דאָרט, אויפ׳ן דאָרף, אײנער אַליין גע־שפּילט אַ פערלאָזט קינד. אַ קליינ׳ס אײדעל׳ס און פערחלומ׳טס.

דאָס קינד בין איך געווען, מיין מלאך.

אײנמאָל איז די גאַנצע וועלט פער׳חלש׳ט און ענטשוויגען געוואָרען. דעם קינד׳ס אויגען האָבען זיך געצויגען צום הימעל און זיי האָבען איהם, דעם אײנציגען, קלאָרען און רײנעם וואָלקענדעל דערזעהן. און זיין נשמה האָט געצאַפּעלט און איז אויסגעגאַנגען, ווי עס צאַפּעלט און גיעהט־אויס אַ טײבעלע אין איהר שטײגעל —, ווען ער האָט איהם, דעם וואָלקענדעל, דערזעהן...

— איז טאַקי די נשמה אויסגעגאַנגען? —

פֿאַרהאַן, מיין מלאך, אויך אַ זון אויף דער וועלט.

מיין נשמה האָט גערעטעט, אַ גאָלדען־שטראַהל אַ רחמנות־דיגער, און ווי אַ ווייסע באַבאָשקע האָט אויף פליגעל פון שיין מיין נשמה פיעל צייט אַרומגעשוועבט;

אײנמאָל, אין אַ פריה־מאָרגען איז זי אויף אַ גאָלדען שטראַהל געריטען און זיך געלאָזט זוכען אַ טוי־פּערל צווישען גראָזען: אַ רײנע און אונשולדיגע טרעהר האָט דאַן אויף מיין באַק געציטערט, האָט אַ טרייסעל געטהון דער שטראַהל, און מיין נשמה האָט זיך אַראָבגעגליטשט און איז אַריין אין טרעהר...

— איז זי דערטרונקען געוואָרען, די נשמה?

ניין, זי איז אַראָבגעפאַלען אויף אַ בלעטעל פון אַ הײליגער גמרא.

אַ גמרא האָט געהאַט מיין זיידע, פון פאַרמעט און אַנ׳אַלט פערגעלבטע. איגוועניג זענען האָר פון זיין ווייסע באָרד, פסול׳ע ציצית פון זיין טלית־קטן געלעגען און סימנים פון חלב און וואַקס זענען דאָרט געווען. אין דער גמרא, צווישען די טויטע אותיות האָט אײנע אַליין געצאַפּעלט מיין נשמה...

— איז זי דאָרט דערשטיקט געוואָרען?

ניין, מיין מלאך, זי האָט געצאַפּעלט און געזונגען.

צווישען די טויטע אותיות האָבען מײנע שירים דאָס לעבען

ליעב בּאַקומען, און דעם ספרים־אַלמער פֿון מײַן זײדנס האָבען אײביג־טויטע געצאַפּעלט. און פֿערשידענע זענען געװעזען די שירים: װעגען אַ קלײנעם, קלאָרען װאָלקען; װעגען אַ גאָלדען שטראַהל און שײַנענדיגער טרעהר װעגען פּסול׳ע ציצית און טראָפּען־װאַקס,— נאָר אײן ליעד האָבען זײ נישט געװאוסט — די ליעד פֿון יוגענד און ליעבע.

האָט זי זיך געריסען, די נשמה, מײַנע צו אַנטרינען און נישט געפֿינען קײן טרײסט. האָט זי גע׳חלש׳ט ביז צום אויסגעהן און ס׳איז געװען שװער ביז צום טויט.

אײנמאָל בין איך געװאָר־געװאָרען אין מײַן אַלטער גמרא,—
און מײַן נשמה איז פֿון דאָרט אװעקגעפֿלויגען...————
און זי שװעבט־אַרום איבער גאָר דער װעלט, געהט־אום און בלאָנדזשעט און געפֿינט קײן טרײסט נישט;
און אין די פֿרומע נעכט פֿון אָנהויב װען די װעלט איז מתפּלל אויף דער פּגימה פֿון לבנה, קלאַפּט און װײנט און בעט שטילערהײט אויף ליעבע״ . . . (ואם ישאל המלאך).

ביאַליק װיל שאַפֿען פֿאַר זיך, פֿאַר זײַן בענקענדיגער נשמה ליעבע. ער װיל זיך פֿערפּלאָנטערן אין איהרע נעצען, אָבער צו אמת׳ער ליעבע האָט ער נישט דערגרײכט. שטילערהײט האָט געקלאַפּט זײַן נשמה אינ׳ם טויער פֿון ליעבע, און די ליעבע האָט ער נישט אַרויסגערופֿען. נישט די פֿרוי איז געקומען און נישט די געפֿיהלען איבערלעבונגען־אײַנדריקען, װאָס ציהען זיך אַרום דער פֿרויען־ליעבע. ביאַליק האָט דאַן אָנגעשריבען עטליכע ליעבע־ליעדער, אָבער אין זײ איז נישטאָ די ליעבע אַלײן, נישטאָ די פֿערגניגען־לײדען, דאָס פֿיבערישע װאַקלעניש און ציטערדיגע פֿרײד פֿון אַ פֿערליעבטען. די ליעדער זענען אַ תּפלה, אַ געבעט אויף ליעבע, עס לעבט אין זײ האַרציגע בענקשאַפֿט און שטילע קלאָגעניש פֿאַר װאָס די אמת׳ע ליעבע קומט נישט. און אויך אין די ליעדער הויבט זיך ביאַליק אויף העכער פֿון דער װירקליכקייט, און די ליעדער דערװײַטערען זיך פֿון דאָס רעאַלע, װירקליכע. עס בעװײַזט זיך נישט די ליעבע, נאָר די שטימונג, װאָס דערנעהנטערט זיך צו סינטעז, צו געדאַנק, צו פּראָבלעם. דער געדאַנק, די פּראָבלעם. זענען צוגעפֿיהרט צו נאַציאָנאַלער הויך, אָבער דאָס אינטימע הערט נישט אויף צו לעבען אין די אײנציגע ליעבע־ליעדער, און װי ביאַליק האָט זיך

נישט געפּלייסט אָבשיילען דאָס טוביעקטיוו פּערזענליכע, שוועבט אַלץ אַרום דער אינערליכער ציטער, און עס הערט זיך זיין האַרץ-קלאַפּען!

„אין דער צייט פון דחמים, פון דעמערונג, בויג זיך אָן, וועל איך דיר דעם סוד פון מיינע יסורים ענטפּלעקען:

מ׳זאָגט פאַרהאַן יוגענד אויף דער וועלט—וואו איז מיין יוגענד?
און נאָך אַ סוד וועל איך דיר דערצעהלען:
מיין זעל איז אין פלאַם פערברענט געוואָרען;
מ׳זאָגט, פאַרהאַן ליעבע אויף דער וועלט—וואָס אַזוינס איז ליעבע?"

עס איז אַ שטיל-שטילער אַקאָרד פון אַ טיעפע, אינערליכע סימפאָניע. מיר פערנעמען נאָר אַ וויטען, פערטויבטען אָבקלאַנג, פערשטיקטען אין טיעפעניש פון אייגענעם האַרץ. ביאַליק שרייט נישט און רופט נישט, עס לאָזען זיך הערען שטיל-האַרציגע ווערטער:

„די שטערען האָבען מיר אָבגענאַרט,
געווען אַ חלום איז ער אַ דורך.—
איצט האָב איך גאָרנישט,
גאָר נישט אויף דער וועלט".

## VII

„און אַז אויפ׳ן האַרצען איז געוואָרען זעהר שווער, און עס האָבען איהם בעפאַלען זיינע גרויסע חלומות און טיעפע וועהטאָגען, בעפאַלען ווי כוואַליעס פון ים,—איז גאַנץ פריה מיט׳ן מאָרגענשטערען איז דער יונגערמאַן אַרויס אויסער׳ן שטאָט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט האַרט אויף אַ אײנזאַמען בוים, וואָס ביים ברעג פון אַ דרעמלענדיגען טייך, ער האָט געהויבען די אויגען צום מאָרגענשטערן און געזוכט זיין שאָטען אין דעם וואַסער פון טייך. ער האָט אויך אַריינגעקוקט אין׳ם אָבגרונד פון זיין אייגענער זעל. אַזוי איז ער פיעל צייט געשטאַנען און מיטגעשוויגען מיט דער אַרומיגער וועלט און מיט דעם אייגענעם אומעט, דעם אומעט פון אַ פּערזענליכקייט".

ביזאַהער האָט ביאַליק גענומען פון אויסען. דאָס אויסערע פלעגט אַרויסרופען ביי איהם ענטציקונג אָדער אונצופרידענהייט, ליב-געזאַנג אָדער פּראָטעסט-געשריי. צופיעל האָט געברויזט אין

איהם דאָס נאַציאָנאַלע לעבען, צו שטאַרק איז געווען דער צו בונד צו זיין לעהרע און וועלט-אנשויאונג, ער זאָל קאָנען אָבגעהן אָן אַ זייט און אין דער שטיל ציהען זיין אייגען אינטים לעבען. אָבער סוף-כל-סוף האָט ער זיך פערטיעפט אין זיך. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אויסער די נאַציאָנאַלע פראבלעמען, אויסער די אָביעק-טיווע געדאַנקען, האָט געלעבט אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ אַ אייגענע וועלט, איינגעהילט אין נישט אויסגעפּולטע פערלאַנגען, אַ וועלט, וואָס איז פערוועבט מיט דינע האַרץ-פסיכישע שפינוועבס.

דאָס רייסעניש-בענקעניש נאָך ליעבע האָט ער באַלד אין זיך בעקעמפט. בעקעמפט און בערעכטיגט זיין אַוועקגעהן. ביאַ-ליק פערמאָגט אַ שטאַרק און געזעלשאַפטליך-געזונדטע נאַטור, וואָס האָט גובר-געווען אין זיך דעם פיבערישען צושטאַנד. ער האָט באַלד געפונען די טרייסט און אָנגעמערקט פאַר זיך דעם אויסוועג.

דאָס האַרץ ציהט זיך נאָך נאָך דעם אַוועקגעהענדיגעס, און דאָס אויג קוקט שוין זיך איין אין עפּעס-וואָס אַנדערש.

„דו געהסט אַוועק פון מיר—געה געזונד, און זאָל דיין ווי-לען אַליין זיין די ליכט אויף דיין וועג און געפין די רוה דאָרט, וואו דו וועסט זיין.

און איך?—נישט זאָרג, איך בין נישט איינזאַם:

כל-זמן די זון איז שען אין איהר אַרויסגאַנג און אונטער-גאַנג, און גאָטס-שטערען זענען נאָך נישט מיעד ווינקען צו מיר, בין איך נישט אינגאַנצען פערפאַלען, און דער קוואַל פון מיין טרייסט איז נאָך נישט אויסגעשעפּט. זעה—מיר פעהלסט דו, אָבער איך האָב נאָך גענוג: איך האָב אַ גאַנצע וועלט... איך האָב אַ האַרץ,—אַ פּאַלאַץ פון זעהונג, אַ נעסט פון חלומות״...

פון דער ליעבע איז איהם פערבליבען דער האַרץ-ציטער און היימליגער אומעט. די ליעבע איז צו איהם געקומען פערהילט אין אַ טונקעלען שלייער, איהר ווירקליכען געזיכט האָט זי איהם נישט בעוויזען. דאָס איז די ליעבע פון דער פריהערדיגער בית-המדרש יוגענד וואָס איז בעציהרט מיט'ן ווייטען אָבקלאַנג פון שיר-השירים בענקשאַפט און שיר-השירים שטימונג, און איז ווייט פון רעאַלע ליידענשאַפטען. פון דער ליעבע האָט ער אמת נישט גענאָסען, זי האָט איהם אָבער אריינגעפיהרט אין די אינערליכע, סוביעקטיווע ווינקלען פון זיין אייגענער נשמה.

דאָרט, אין די חדרי־חדרים פֿון אייגענע הארץ, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף געפֿיהלען־שטימונגען, צו וועלכע ער האָט זיך ביזאהער נישט צוגעהערט. פֿון די באהאלטענע חדרים, פֿון דעם קדש־הקדשים פֿון אייגען הארץ, לאָזען זיך הערען ציטערדיגע שטימען, פֿול מיט אנגסטען און הארץ־קלעמעניש, וואָס האָבען אָנגעהויבען מאָהנען ביי זיך און ביי׳ם סוד פֿון דער וועלט דאָס אייביגס און אייגענס.

„איצט—כאפט זיך ארוס ביי ביאליק׳ן אין זיין ארטיקעל „שירתנו הצעירה"—איצט, ביי זונען אונטערגאנג, איז געקומען, דוכט־מיר, די צייט, ווען די נאציאָנאלע פּאָעזיע זאָל זיך ארומ־וויקלען אין א טלית. און איינע אליין, ביי זיך אין דער היים, זאָל זי אָבריכטען איהר נאכט־תפילה".

די מאָטיווען פֿון די לעצטע לידער זענען גאָר אנדערע, ווי שטאמען פֿון אינוועניג, פֿונ׳ם תהום פֿון אייגענעם נפש און שפּייזען זיך פֿון אייגענער מאכטלאָזיגקייט און שוואכקייט. און נישט די אָבגעשטאנענקייט פֿונ׳ם פֿאָלק איז דער עיקר טראגיזם ביים משורר, נישט פֿון דאנעט ציהט זיך דער מקור פֿון צוויי־פֿעל און אומעט. אויך נישט דאָ צינדט זיך אָן, און ברענט דער פֿייער פֿון האָפֿנונג און גלויבען.

די איצטיגע אונצופֿרידענהייט איז גאָרנישט ענהליך צו דער פֿריהערדיגע. זי איז א פּאסיווע, זי רופֿט באלד נישט ארויס דעם לעהרער און שטראָפֿער־טאָן און טייטעלט נישט אויף עפּעס־וואָס אנדערש, אנשטענדיגעס. די פֿריהערדיגע אונצופֿרידענהייט שטאמט פֿון אויסען און וואקסט פֿון אויסערליכע כחות, די איצטיגע איז מעהר א אינערליכע, א פּסיכישע, זי האָט וועניגער אָדער גאָר וועניג אָנריהרונגס־פּונקטען מיט געזעלשאפֿטליכע ערשיינונגען און לעבענס־געשעהנישען און איז דורכאויס געקניפּט און געבונדען מיט אייגענעם אינטימען לעבען.

ביאליק אין וועלכען עס רינט די בלוט פֿון פּאטעטישע נביאים און וואָס איז געוועהנט רעדען מיט קולי־קולות, ביאליק דער שליח־צבור פֿון כלל־צרות וואָס זאָט געריסען קברים און וואונדען, וויקעלט־זיך־איין אין זיין טלית און פֿערוקט אין אווינקעל ציהט ער זיין אייגענע תפלה און דערצעהלט וועגען אייגענער שוואכקייט און שברת־הלב. און איינע נאָך דער אנדערער קומען

די ליעדער און דערצעהלען וועגען דאָס נייע, וואָס איז פּאָרגעקו־
מען ביים דיכטער. עס חור׳ט זיך שוין מעהר נישט איבער די
געשמאַקפולע און לוסטיגע ענטציקונג פון נאַטור. די ברענענדיגע
אויגען האָבען זיך ווי אויסגעלאָשען, און אַ שטילער ציטער האָט
דורכגענומען זיין קרעפטיגען גוף. און נישטאָ שוין די פריהערדיגע
זיכערהייט אין אייגענעם כח, אין אייגענער גערעכטיגקייט. פריהער
האָט ער געזעהן דעם שולדיגען און געהאַט מוט צו פערהאַסען,
צו שעלטען. ביזעת ער איז געווען אויפגערעגט, האָט ער מיט
אימפעט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער גלייכגילטיגקייט פונ׳ם
פאָלק, זיך געביזערט, געשטראָפט און אויסגעשריען: „נישטאָ פאַר
אייך קיין נחמה!”, אָבער איצט איז ער פערטיפט אין אייגענעם
טרויער. די אוידיטאָריע איז אויסגעלעדיגט, עס האָבען זיך אויס־
געלאָשען די ליכט, און איינער אַליין בלייבט ער מיט זיך און
מאָהנט ביי זיך דעם אייגענעם חשבון־הנפש.

שווער צו זאָגען, וואָס, אייגענטליך, האָט געבראַכט ביאַליק׳ן
צו אַזאַ געדריקטער שטימונג.

ביאַליק איז שטענדיג געווען געוויזרקט פון די אויסערליכע
כלל־צרות, און זיין נאַציאָנאַלער „איך” האָט שטאַרק רעאַגירט
אויף די לעבענס־געשעהניסען. אָבער פונקט אין די לעצטע יאָהרען
האָבען זיך די כלל־ענינים אין פיעל פערבעסערט און מעהר ווי
אַלע מאָל זענען זיי געווען בכח בעפרידיגען דעם נאַציאָנאַלען
טהוער, און ביאַליק אליין, אַלס כלל־מענש, איז אין דער זעלבער
צייט מונטער און אָפטימיסטיש געשטימט, ער איז פול מיט ווילען
און האָפנונג און ער גיט־צו זיין געזעלשאַפטליכער אַרבייט גייסט
און לוסט. ביאַליק דער דיכטער האָט זיך אָבגעטיילט פון ביאַליק
דעם טהוער, און אין דער צייט, ווען דער לעצטער שטעהט אין
מיטען דער אַרבייט, רופט און איז פערזיכערט אין דעם, צו וואָס
ער רופט, איז דער דיכטער בעהאַלטען אין חדרי־חדרים און צעהלט
די טריט פונ׳ם איינזאַמען וועג, וואָס זיין נשמה מאַכט דורך.

אין אייניגע ליעדער פון די לעצטע יאָהרען (חוזה, לך ברח
און אַנדערע). פרובט זיך ביאַליק ווידער אָננעהמען דעם פריהערדי־
גען שטראָפערישען טאָן און וויל אַרויפוואַרפען די שווערע שטי־
מונג אויפ׳ן כלל. די שירים ווערען־אָן די שטילע אינטימיטעט,
מיט וועלכע עס צייכנען זיך אויס אַלע ביאַליק׳ס ליעדער אין די

לעצטע יאָהרען. אין די ליעדער פֿעהלט אויך די פֿריהערדיגע פֿערזיכערהייט און דער אַמאָליגער פֿעסטער רוף. ביאַליק ווערט אַ זעלטענער גאַסט אין דער ליטעראַרישער וועלט. פֿון אַלע מאָל איז ביאַליק געוועהנט קומען מיט אַ גאַנצען, פֿערענדיגטען שיר, וועגען אַ דורכגעפֿיהלטען און ביז'ן סוף דורכגעטראַכטען שטימונגס-צושטאַנד. ביאַליק'ס שיר האָט שטענדיג סינטעזירט געפֿיהלען-געדאַנקען און געפֿונען דעם געדאַנקליכען פּועל-יוצא. די ראָמאַנטישע בענקשאַפֿט נאָך ציון, די אונצופֿרידענהייט און זעלבסט-ערנידערונג פֿונ'ם פֿריערדיגען יודישען אינטעליגענט, דאָס שטענדיגע צווייפֿלען אינ'ם קיום פֿונ'ם יודישען פֿאָלק, דאָס וואַקלען צווישען מערב און מזרח, צווישען דער גרויסער וועלט אין ענגע ד' אמות,—דאָס אַלץ איז דורך ביאַליק'ן אין אַ געוויסער מאָס פֿעראַלגעמיינט געוואָרען, דאָס רויהע און צעוואָרפֿענע האָט בעקומען דורך ביאַליק'ן דעם קינסטלערישען תקון. און שווער איז געוואָרען פֿאַר ביאַליק'ן זיין שאַפֿונגס-פּראָצעס, ווען ער און זיין אינערליכע וועלט האָבען זיך געפֿונען אינ'ם ברויזענדיגען און פֿערפּלאָנטערטען צושטאַנד און פֿאַר איהם אַליין איז געוואָרען נישט קלאָר און פֿערנעבעלט דער וועג און אויסוועג פֿון אַרומיגען לעבען. ווען ביאַליק וואָלט געווען דער אינדיווידועל-סוביעקטיווער דיכטער, וואָלט ער זיין שאַפֿונג-פּראָצעס געפֿיהרט אין די טיעפֿקייטען פֿון אייגענער פּערזענליכקייט, ער וואָלט זיך געגריבעלט אין דער אייגענער פּסיכיק און וואָלט פֿון דאָרט בעקומען שטאָף פֿאַר זיין דיכטונג. ביי ביאַליק'ן אָבער איז פֿאַרהאַן אַ געוויסער תהום צווישען זיין פּערזענליכקייט און שאַפֿונג. און ער האָט אָט דעם תהום נישט איבערגעטראָטען אויך אין זיינע לעצטע ליעדער, ווי „צנח לו זלזל“, וואָס פֿערמאָגען אַזוי פֿיעל ציטערדיגע מאָטיווען און טיעף-אינטימע טענער.

ביאַליק פֿערשטיקט אין זיך דעם אינערליכען וועהטאָג, וואָס שטאַמט פֿון שטאַרקער פֿערצווייפֿלונג און טיעפֿער איינזאַמער בענקשאַפֿט. צו אונז דערגעהט אַ ציטערדיגע שטימע פֿון שטילע תפלות. עס איז נישט דערוואָקסען צו עפּיס-וואָס גאַנצעס, פֿערענדיגטעס. גיכער איז עס אַ שעמעוודיגע תפלה פֿון אַ פֿערוועהטאָגט הארץ, וואָס שעמט זיך פֿאַר אייגענע ווערטער. עס איז נישט אַ תפלה עפּיס-וואָס אויסצובעטען, עס איז אויך נישט קיין בקשה צו אַ גרויסען האַר. ווען מען בעט עמיצען פֿאַר עפּיס, זאָגט מען דיי־

ליך דעם געבעט. דער משורר ווייסט נישט פאר וועמען צו בע־
טען. ער האט אנגעווארען זיין קדש־הקדשים ווינקעל. וואוהין ער
זאל זיך קאנען ווענדען. דער משורר זוכט ערגיץ נייע לוחות, די
אלטע האט ער שוין לאנג צעבראכען. — — —

פלוצלונג איז אנגעפאלען די געהיימע נאכט. א מאדנע בענק־
שאפט האט זיך ארייננגעריסען אין הארץ, אין א טיפע אונצופרי־
דענהייט פון אייגענעם לעבען, פון נישט־ערפיהלטע פערלאנגען.
אזוי פיעל האט צוגעזאגט דער פריהמארגען, אזוינע גרויסע פער־
לאנגען האט דער טאג ארויסגערופען, ער האט געמונטערט און
געמאהנט און אט ציהט שוין דער טאג זיין לעצטען זיפץ און מיט'ן
פון אוועקגעהענדיגען טאג רייסט זיך ארויס פונ'ם הארץ א שטיק
דער נשמה, א שטיק פון דאס וועזען, גלייך ווי דאס וואלט
דער לעצטער טאג אינ'ם לעבען געווען און דאס לעצטע מאל
איז די זון אויפגעגאנגען. און א טריבער און מאכטלאזער ווערט
ער ענטשוויגען און שטיל און איינגעהאלטען בעט ער, בעט ער
און איז מתפלל.

פאר וועמען? — אונבעוואוסט;

אויף וואס? — אויף זיך, אויף עפעס אוועקגעהענדיגעס, וואס
האט געלעבט און פערשוואונדען, אויף פערלאנגען, וואס זענען צע־
רונען אינ'ם טיפען אונענדליכען תהום פון וועלט און פערגאנגענ־
הייט. —

## VIII.

אין די פריהערדיגע קאפיטלען האבען מיר בעוויזען די ווע־
גען פון ביאליק'ס שאפונג, איצט ווילען מיר זיך גענויער אפ־
שטעלען אויף דעם ארט און פסיכאלאגיע פון זיין שאפונג.

פארהאן שרייבער, וואס זייער שטים טראגט זיך צו אונז
פון נעבעל און דונקעלהייט פונ'ם שאפונגס־פראצעס. דאס הארץ
און פאנטאזיע זענען פערפלייצט מיט געפיהלען און איינדרוקען,
וואס ווערען געבוירען און ווערען פערשוואונדען, עס קומען־אן גע־
הויבענע שטימונגען און עס פאלען אן שווער־דריקענדיגע, עס
וואקסט ליעבע און האס, ענטציקונג און עקעל, האפנונג און ענ־
טיושונג, — און דאס אלץ מישט זיך אויס מיט בעגעגענישען, איינ־

דרוקען און צוזאַמענשטויסונגען, און עס וואַרפט זיך די פֿאַנטאַזיע פֿון שטאַרקען וועהטאָג צו יום־טוב׳דיגע פרייד. און ווען דאָס האַרץ געפֿינט זיך נאָך איינגאַנצען אין די נעצען פֿון אָט די ברויזענדיגע כחות רופט שוין אַ אינערליכע שטים צו שאַפֿען פֿאָר־מען, צו אויסגיסען דאָס אָנגעקליבענע. ס׳איז נישטאָ די געדולד איבערצוװאַרטען די וואולקאַנישע תקופה, עס פעהלט די נויטיגע אינערליכע קראַפט איינצונעהמען און בעקעמפֿען דעם כאַאָטישען שאַפֿונגס־ווילען. און דער קינסטלער פֿאַלט אַריין איינגאַנצען אינ׳ם רשות פֿון זיין שאַפֿונגס־קראַפֿט. אין דעם אַרט שאַפֿען איז פֿער־האַן היסטערישער געשריי, אינערליכער פלאָנטער און פֿיבערישע שטימונג.

און פֿאַרהאַן שרייבער, וועלכע לעבען איבער אין זיך דעם שטורם־פעריאָד. פֿאַר יעדען שאַפֿונגס־פראָצעס האָבען זיי אויפֿרעגונגס־מאָמענטען, זיי וואַרפֿען זיך אויף אין קאנוואולסיווע ציטער־נישען, זיי פֿערמאָגען אָבער גענוג אינערליכע קראַפֿט און הארמאָניע איינצונעהמען די ברויזענדיגע געפֿיהלען און נישט צו בעווייזען זיך אין דער צייט פֿון איבעריגער אופֿרעגונג און צערייצקייט.

לויט זיין כאַראַקטער און פסיכיק וואָלט ביאַליק בעדאַרפט אייגענטליך געהערען צו די ערשטע: אַזוי פֿיעל איבערפליסענדיגע קראַפֿט איז פֿאַרהאַן אין איהם, וואָס ברויזט און שטראָמט. זיין כאַראַקטער פֿערמאָגט פֿיעל אויפֿרעגונגס־אימפולסען, וואָס צעפּלאַ־קערען זיי אַזוי געשווינד. אָבער גרעסער איז אין איהם די אינער־ליכע האַרמאניע, וואָס פֿערהאַלט דעם ברויזענדיגען שטראָם און דערלאָזט איהם נישט פֿערפלייצען און איבערגעהן די ברעגען.

פרובען מיר איצט אויפֿנעהמען ביאַליק׳ן אַלס אַ גאַנצע, לע־בעדיגע און פֿערענדיגטע געשטאַלט, דאַן געהט ער אויף פֿאַר אונז אַ רוהיגער, איינגעזעסענער, וואָס האָט אין זיך קרעפֿטיגע שטיי־פֿע הארמאָניע און פֿערהאַרטעוועטע, פֿעריגעלטע גאַנצקייט. זיין גבורה און חיות איז אַוועק נישט אויף וואַרפֿען, שליידערען נאָר אויף איינפֿעסטיגען, איינגרונטעוועו. זיין שאַפֿונגס־שטראָם איז דערום נישט ווייט פֿערפלייצט געוואָרען, נאָר זיך געגראָבען אין דער טיעף. ווי דער טייך, וואָס פֿליסט דורך פֿעלד און וואַלד, שמעלערט זיך און קומט ענדליך צו אַ שטאַרקען וואַסער־פֿאַל.

דער אויסגוס-שטראָם איז אַלץ שמעלער, אָבער שטאַרקער, שמע-לער אָבער טיפער.

ביאַליק טראָגט אויס יעדען געפיהל, יעדען געדאַנקען-געפיהל אין זיך אינוועניג, לעבט איהם איבער אין שאַפונגס-פראָצעס. פון די פיעלפאַרביגע איינדרוקען, פון די פערשיעדענסטע איבער-לעבונגען בלייבט איבער אין זיין האַרץ און מח דער עיקר, די עסענץ פון די געפיהלען, און ער דריקט עס אויס אין געצעהלטע ווערטער, און שטייפע, אָנגעלאָדענע שורות. די אויפרעגונג, די גע-פיהלען, אימפולסען, וועלכע האָבען געהערשט צעשויבערטע און פאָרמלאזע זענען איינגעשטילט און פערקיהלט געוואָרען דורך דעם בערוהיגטען, אינערליכען פערשטאַנד.

אויסער איניגע אויסנאַהמען האָבען ביאַליק׳ס ליעדער צו-טהון מיט דורכגעלעבטע און דורכגעגאַנגענע געפיהלען, דורכגעלע-בטע און דורכגעגאַנגענע אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי האָ-בען אָנגעוואָרען זייער ערשטע רייץ און אויפרעגונג. די ליעדער זענען דער דיכטערישער סך-הכל פון שטימונגס-מאָמענטען, נישט אַזוי פון איינצעלנע מאָמענטען, ווי פון גאַנצע פעריאָדען. דער סך-הכל איז נאָך געבונדען צום שטורם פעריאָד, מיר שפירען נאָך זיין אָטעהם, אָבער אין לער גופא וואַקסען שוין וועניג די ברוי-זענדיגע געפיהלען און דער שעפפערישער פלאַנטער. פון פריהער-אָן האָט ער צוימען אַרומגעשטעלט און וועגענס-ציינכענס אָנגעמערקט. די רעפלעקסען בשעת׳ן שרייבען גופא זענען ביי איהם צו-געפיהרט ביז דער קלענסטער מאָס, דער עיקר וויל ער איבער-געבען און דערפיהרען ביז׳ן סוף דאָס דורכגעלעבטעס און דורכ-געפיהלטעס. אין פיעל ליעדער איז פאַרהאַן הייסער, פלאַקערנדי-גער טעמפעראמענט (די שטראָף-ליעדער פערמאָגען אויך פאַטאָס). אָבער שטאַרקער פונ׳ם טעמפעראמענט איז די אינערליכע האַר-מאָניע, דער אינערליכער גלייכגעוויכט. נישטאָ קיין איבריג וואָרט אין דער ליעד, וואָס זאָל נישט פיהרען צו דער גאַנצקייט און נישטאָ קיין זייטיגע וועגלעך פון שפראַך-ענטציקונג און גלאַט בילד-לעך, וואָס זאָלען אַראָבפיהרען פון דעם עיקר-וועג. אַלץ אין דאָס ליעד דיענט צוליב׳ן גאַנצען, און יעדעס וואָרט איז פעסט איינ-געמויערט אויף זיין אָרט, און ציהט מען אַרויס איין וואָרט פונ׳ם ליעד, ווערט צעוואָרפען די גאַנצע שורה, דער גאַנצער בנין.

געפֿיהלען געדאַנקען און שטימונגען שאַפֿען שטענדיג אַ איינערליכען פלאָנטער. דער וועג זייערער אינ׳ם האַרץ איז קיינמאָל נישט קיין גלייכער. זיי רופֿען אַרויס אין דער נשמה בעהאַלטענע כחות, פֿריהערדיגע, אַמאָליגע, וואָס האָבען קיין שייכות נישט צו דער איצטיגער שטימונג. ביאַליק קומט נישט צו אונז אינ׳ם ווידער שפּרעכענדיגען פלאָנטער, ווען פֿונ׳ם קנויל שטימונגען־איינדרוקען זאָל ער ערשט בעדאַרפֿען ציהען פֿעדים פֿון בעוואוסטזיין. קריסטאַליזירען דאָס פֿערנעבעלטע. ער קומט צו קינסטלערישער שאַפֿונג, ווען די עיקר שעפּפֿערישע אַרבייט איז שוין געמאַכט געוואָרען, ווען דורכ׳ן נעבעל פֿון פֿאַנטאַזיע האָט שוין אַראָבגעשטראַהלט די קלאָרע שיין, און די שטימונג איז שוין איבערגעגאַנגען אין אַ עראינערונג, און ער איז שוין בכח איבערגעבען זי אין אַ עפּישע פֿאָרם.

ביאַליק איז אַ עפּיקער פֿון געפֿיהלען און שטימונגען, מיט אַלע מעלות פֿון אַ עפּיקער: גאַנצע האַרמאָנישע שילדערונגען, פֿערענדיגטע פּלאַסטישע פֿאָרמען און שטייפֿע, איינערליכע רוהיגקייט.

און אַזוי ווי זיין ליעד איז דער פֿולסטער אויסדרוק פֿון דעם דורכגעלעבטען און דורכגעפֿיהלטען, איז ביי איהם נישטאָ דער ווילען זיך אומקעהרען ווידער אַמאָל צו דער זעלבער טעמע. עס איז ביי ביאַליק׳ן כמעט נישטאָ קיין צוויי ליעדער, וואָס זאָלען איבער׳חזר׳ען איין און דיזעלבע שטימונג. ווען מען שרייבט אין דער צייט, ווען די שטימונג האַלט אין וואַקסען, שרייבט מען פֿערשיידען ענהליכע ליעדער, ווייל עס דוכט, אַז יעדע שפּעטערדיגע ליעד דריקט אויס בעסער און טיפֿער דעם איינערליכען צושטאַנד, און אַזוי־ארום בעקומען זיך צום סוף פֿיעל ליעדער, שטאַרק ענהליכע איינע אויף דער אנדערער. ביאַליק פֿערהאַלט אין האַרצען דעם פֿליסענדיגען שעפּפֿערישען שטראָם, און ווען ער איז שוין דורכאויס דורכגעזאַפּט מיט זיין גייסט, לאָזט ער איהם אַרויס, און דער שטראָם האָט שוין דאַן די מעגליכקייט דרעהען די קינסטלערישע רעדער.

ביאַליק, דער גרויסער עושר פֿון ליכט און גבורה, לעבענסלוסט און איינדרוקען, איז אַ שטיק קמצן און שאַפֿונג, ער ווייזט נישט די בליטען בעת זייער בליהונג, אין אָנהויב פֿון זייער פֿריהלינג, ער וואַרט ביז עס ווערט איינגאַנצען צייטיג, און די פּרי

הײנגט שוין אַראָב פֿון אָנגעלאָדענער זאַפֿט און קערן. נישטאָ בײַ ביאַליק׳ן ליעדער יועגען הײלע שטימונגען, אָבגעזונדערטע נאַטור־בילדער, וואָס ווערען געבוירען, ווײַזען זיך און ווערען גיך פֿער־שוואונדען פֿונ׳ם הארץ, איבערלאָזענדיג נאָר בלײַכע ניואַנסען און דערווײַטערטע אָבקלאַנגען. אַלץ איז אײַנגעפֿלאַנצט אין אײַנ־געוואָרצעלט אין האַרץ און מח, אויסגעטראָגען אין צײַטיג, אין איבערגעגעבען אין פֿערענדיגטע פֿאָרמען און געשטאַלטען.

הגם ביאַליק׳ן פֿיהרט נישט אין זײַן פאָעזיע נאָר דער בע־וואוסטזײַן, אָבער ער איז דורכאויס בעוואוסטזיניג, בעוואוסטזײַן און שאַפֿונג—גאַנץ אָפֿט זענען זײ בײַ קינסטלער פֿערשידען, פֿון פֿערשידענע וועלטען קומען זײ און אין פֿערשידענע זײַטען פֿיה־רען זײ. דער בעוואוסטזײַן איז אַזוי אײַנגעוואָרצעלט אינ׳ם מח און געפֿיהלען פֿון דער איצטיגער פֿערזענליכקייט, אַז ס׳איז שווער אויסטײלען דעם בעוואיסטזײַן פֿונ׳ם קינסטלער. דער בעוואוסטזײַן איז אין עצם אָביעקטיוו, אויף וויפֿיעל ער קומט פֿון שטרענגע, לאָגישע הנחות, אויף וויפֿיעל ער אבסטראַגירט פֿערזענליכע גע־שעהנישען־אײַנדרוקען און גיט זײ צו פֿעראַלגעמײנערטע טענ־דענצען.

אָבער דער בעוואוסטזײַן ווערט סוביעקטיוו, אויף וויפֿיעל ער פֿיהרט כּל־כּל־סוף צו די געשעהנישען־אײַנדרוקען צו דעם פונקט, וואָס איז פֿאַר איהם ליעב און טײַער און שטרײַכט אונטער דאָס נאָהנטע און ווינשענדיגע. בײַ ביאליק׳ן רעגולירט דער בעוואוסט־זײַן די צעשויבערטע געפֿיהלען און צײכענט־אָן דעם גלײַכען וועג פֿאַר אײגענעם זוכען און שטרעבען. דער בעוואוסטזײַן טראָגט אַרײַן קלאָרקייט אינ׳ם כאַאָס פֿון שטימונגען־פֿאָרשטעלונגען, דער־ווײַטערט אײניגע עלעמענטען און רוקט אַרויס בולטער אַנדערע. דורכ׳ן בעוואוסטזײַן קומט ער פֿונ׳ם קלאַנג צום אָבקלאַנג. דער קלאַנג קאָן פֿערטומלען, פֿערטויבען, דער אָבקלאַנג אָבער איז שטענדיג רײנער און האַרמאָניש־אויסגעהאַלטענער. ביאַליק האָט אין זײַנע אײניגע פֿון די ווינטער־מאָטיווען און די שטראָף־ליעדער, וואָס פֿליסען אַריבער די ברעגען און הילכען און פֿערהילכען דעם פֿאָרגעדאַנק און די וועלט־אָנשויאונג.

פֿון וואַנען שטאַמט ביאַליק׳ס בעוואוסטזײַן?

מיר האָבען אָנגעוויזען, אַז פֿונ׳ם ערשטען שיר אָן איז ביאַ־

ליך געווען געפֿיהרט דורכ׳ן נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. דער נאַצי-
אָנאַלער מאָטיוו האָט נישט אויפֿגעהערט צו זיין דער הערשענדיגער
אין זיין גאַנץ דיכטעריש לעבען. אין אַלעס האָט ער געזוכט די
מאָמענטען, וואָס פֿיהרען צו נאַציאָנאַלען טראגיזם און נאַציאָנאַלער
פּראבלעם. מעהר פֿון אַלעס האָט געלעבט אין איהם דער ווידער-
שפּרוך פֿונ׳ם נאַציאָנאַלען אידעאַל, ווי ער האָט אויפֿגעלעבט אין
די מחות און הערצער פֿון דער חבת-ציון-יוגענד און דער אַרוי-
מיגער ווירקליכקייט איז געווען דער עלעמענט, וואָס האָט אַרויס-
גערופֿען די רעאַקציע ביי ביאַליק׳ן אין אויסערליכער גע-
שטאַלט, זי איז ביי איהם פֿערבליבען נאָר אַנ׳אַבסטראַקטע פּראָב-
לעם. ער האָט זיך נישט פֿערטיעפֿט אין די פּסיכישע פֿערענדערען
נישען, אין די אינערליכע עקסצעסען, וואָס דער ווידערשפּרוך
האָט אַרויסגערופֿען אין לעבען און ביי מענשען.

אין דאָס, וואָס דער עיקר פֿון ביאַליק׳ס דיכטונג איז די
אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און ער מיידט-אויס די פּערזענ-
ליכע אינדיווידואליסטישע מאָטיווען דאָס האָט געבראַכט דערצו,
וואָס זיין שירה האָט זיך צעשיידט מיט די אינערליכע, פּסיכיש-
פּערזענליכע שטימונגען אין איהם גופא. ביאַליק האָט פֿונאַנדערגע-
טיילט זיך, אָבגעטיילט פֿאַר דער שאַפֿונג די נאַציאָנאַלע, כלל׳ישע
מאטיווען און פֿערבעהאַלטען דאָס אייגענע, אינטימע לעבען פֿון
דער ספֿערע פֿון זיין פּאָעזיע. און אַזוי-אַרום איז דאָס פּיעלפֿאַר-
ביגעס און פֿערוויקעלטעם, קרענקליכעס און פֿארוועהטאָגטעס, וואָס
האָט געוואָקסען און געמעהרט זיך, פֿערטיעפֿט און פֿערצווייגט
זיך אין די מחות און הערצער פֿונ׳ם יודישען יחיד פֿאַר די
לעצטע צוואַנציג יאָהר דער שטיק וועג, וואָס די יודישע פֿער-
זענליכקייט האָט דורכגעמאַכט אינ׳ם זעלבסט-בעשטימונג,—אָט דאָס
געפֿינט נישט די יודישע פּערזענליכקייט אין ביאַליק׳ס שאַפֿונג.
פֿאַר דעם איצטיגען יונגען יוד איז ביאַליק׳ס שאַפֿונג איבערגעדיכ-
טעטע געשיכטע, קאַנאָניזירטע, פֿערהאַרטעוועטע שענקייט, אַ פֿער-
ענדיגטע אָבשאַצונג פֿון פֿערגאַנגענער צייט. זיין שירה רעדט
מעהרער צום נאַציאָנאַלען געפֿיהל און פֿיעל ווייניגער צום פּערזענ-
ליכען, ווען דאָס פּערזענליכע געהט-אָב פֿון דאָס נאַציאָנאַלע און
ווערט נ אָ ר פּערזענליכע. ביאַליק האָט זיך נישט געריסען אינ׳ם
תוהו-ובוהו פֿון דעם יודישער פּסיכישער גייסט, ער האָט פֿערטיעפֿט

דיִ נאַציאָנאַלעֶ פּראָבלעֶם. נאָר איִן דיִ לעֶצטעֶ יאָהרעֶן וויִ מיִר האָבעֶן געֶזעֶהן, האָט זיִך ביִאַליִק אַביִסעֶל אָבגעֶשײַדט פֿון דיִ רײַן נאַציאָנאַלעֶ טעֶמעֶן און זיִך פֿעֶרטיִעֶפֿט איִן דיִ איִנדיִוויִדואַליִסטיִשעֶ איִבעֶרלעֶבונגעֶן, און עֶס האָבעֶן זיִך געֶלאָזט הערעֶן איִן זײַן דיִכטונג האַלבעֶ קלאַנגעֶן, שטיִקעֶר שטיִמונגעֶן, דאַן האָט ביִאַליִק געֶגעֶבעֶן עֶטליִכעֶ בעֶהאַרציִגטעֶ ליִריִשעֶ ליִעדעֶר, גרוסעֶן-שאָטעֶן פֿון אײגעֶנעֶם אַרומבלאָנדזשעֶן איִבעֶר אײגעֶנעֶ חורבות, זיִפֿצעֶן-קרעֶכצעֶן פֿון פֿעֶרזעֶנליִכעֶ וועהטאָגעֶן-וואונדעֶן. אָבעֶר ביִאַליִק האָט זיִך צוריִק געֶכאַפּט און ניִשט אײנמאָל געֶפּרובט זיִך אומקעֶרעֶן צו דיִ פֿריִהעֶרדיִגעֶ אַלגעֶמײן-נאַציאָנאַלעֶ מאָטיִוועֶן.

ביִאַליִק איִז ניִשט ליִריִקעֶר, הגם איִן זײַן פּאָעֶזיע איִז פֿאַרהאַן ליִריִק. דעֶר ליִריִקעֶר איִז איִן עֶצם איִנדיִוויִדואַליִסטיִש. דעֶר ליִריִקעֶר דעֶרצעהלט ווֶעגעֶן טונקעֶלעֶס און אונקלאָרעֶס, וואָס לעֶבט איִן האַרץ און געפֿיִהל, עֶר פֿיִהרט-דורך איִן זײַן שאַפֿונג דיִ איִנטיִמעֶ ווֶעגעֶן, וואָס עֶס מאַכט דורך זײַן איִנעֶרליִכעֶ ווֶעלט, עֶר דעֶקט-אויף אײגעֶנעֶ טיִעֶפֿעֶניִשעֶן און אָבגרונדעֶן, עֶס בעֶווײַזעֶן זיִך ליִכט און שאָטעֶן פֿון דעֶר פֿעֶרזעֶנליִכקייט — און דאָס אַלץ גרעֶניִצט זיִך מיִט פּסיִכאָלאָגיִעֶ, מיִט פּסיִכיִשעֶ ליִריִק. שטאַרקעֶר איִז דעֶר פּסיִכיִשעֶר עֶלעֶמעֶנט בײַם משורר, וואָס שרײַבט איִן צײַט פֿון אויפֿרעֶגונג, בעֶגײַסטעֶרונג און עֶנטוישונג,—דאַן פֿיִהלט זיִך זײַן הויך, עֶס העֶרט זיִך זײַן האַרץ-ציִטעֶר, און עֶס רופֿעֶן זיִך אָב דאַן אויף דעֶר שאַפֿונג דיִ איִנעֶרליִכעֶ קנײטשעֶן און ווֶענדונגעֶן. מעֶנשליִכעֶ לײדעֶן און אַנגסטעֶן, לײדעֶנשאַפֿט און עֶרשיִטעֶרונג, מיִט וואָס דיִ עֶנטוויִקעֶלטעֶ פֿעֶרזעֶגליִכקײַט איִז רײַך, פֿעֶהלעֶן-אויס בײַ ביִאַליִק ניִשט נאָר דעֶרפֿאַר, ווײַל עֶר איִז ניִשט קײַן ליִריִקעֶר. דעֶם מעֶנשעֶנס האַרץ איִז קײנמאָל ניִשט פֿרײַ פֿון פֿעֶרזעֶנליִכעֶ איִבעֶרלעֶבונגעֶן. ביִאַליִק בעֶהעֶרשט איִן זיִך דאָס פֿעֶרזעֶנליִכעֶ, עֶר בעֶקעֶמפֿט דאָס האַרץ פּסיִכאָלאָגיִשעֶ און איִן דיִ ליִעדעֶר גיִט עֶר דאָס, וואָס איִז דעֶרוואָקסעֶן צו כלל'יִשעֶס. צו אַלגעֶמײן וויִכטיִגעֶס. עֶר טרעֶט צום ליִעד ניִשט איִן דעֶר אויפֿרעֶגונגס-צײַט, נאָר דאַן, ווען עֶר האָט וואָס צו זאָגעֶן און ווען עֶר ווײסט שוין ווי אַזוי צו זאָגעֶן, עֶר טרעֶט צו נור דאַן, ווען דיִ שטיִמונג האָט זיִך דעֶרהויבעֶן און עֶנטהאַלט איִן זיִך בעֶלעֶהרעֶנדיִגעֶן שטאָף, עֶפּיִס-וואָס וואָגעֶנדיִגעֶס.

עֶס לֶעבֶּען אִין בִּיאַלִיק'ן צווייען: דֶער מֶענש און דֶער קִינסטלֶער. עֶר אִיז נִישט דורכאויס קִינסטלֶער, וואָס לֶעבט שטֶענדִיג אִין שֶעפֶּערִישֶער וועֶלט, און וואָס אַלֶעס אִין לֶעבֶּען אִיז בַּיי אִיהם שטאָף פַאר שאַפוּנג. דִי וועֶגֶען, וואָס פִיהרֶען פוּן זַיין פֶּערזֶענלִיכ־קַייט צוּ זַיין שאַפוּנג, ווערֶען עֶרגִיץ אִיבֶּערגעֶהאַקט און קעֶהרֶען זִיך אוּם צוּ אִיהם צורִיק און דֶערגעֶהעֶן נִישט צוּם קִינסטלֶערִישֶען אויס־דרוּק. מאָפּאַסאַן האָט זִיך שטֶענדִיג געֶקלאָגט, וואָס עֶר קאָן נִישט געֶנִיסֶען פוּן לֶעבֶּען, ווִי אַ פּשוּטעֶר מֶענש, און אַז אָהן זַיין ווִי־לֶען דרִינגט ארַיין דֶער קִינסטלֶער אִין אַלֶע זַיינֶע פֶּערזֶענלִיכֶע אִיבֶּערלֶעבּוּנגֶען און שאַפט דֶערפוּן לִיטֶעראַטוּר. בִּיאַלִיק און דֶער קִינסטלֶער אִין אִיהם זֶענֶען אָבגֶעטֵיילט,—פרִיהֶער עֶר, דֶערנאָך דֶער קִינסטלֶער. עֶס געֶהען דורך צַייטֶען, און בִּיאַלִיק שרַייבט גאָרנִישט,— דֶער קִינסטלֶער אִין אִיהם האָט נִישט דִי פּאַסֶענדִיגֶע שטִימוּנג און מֶעגלִיכקייט צוּ שאַפֶען. נאָר אֵיינִיגֶע מאָל אִיז דֶער קִינסטלֶער געֶ־גאַנגֶען צוזאַמֶען מִיט בִּיאַלִיק'ן דֶעם מֶענש. דאַן אִיז בִּיאַלִיק דֶער קִינסטלֶער אַרויס פוּן זַיין דִיכטֶערִישֶע רוּהִיגקייט, און זַיין שאַפוּנג פֶערמאָגט אִין זִיך פוּן דֶער ברויזֶענדִיגֶער תּקוּפה, פוּן דִי אוֹיפרֶע־גוּנגס־אִימפּוּלסֶען פוּן מעשׂה־יצירה־צַייט. אָבֶער בִּכלל זֶענֶען פִיעל פוּן זַיינֶע לֶעבֶּענס־געֶשעֶהנִישֶען דורכגֶעגאַנגֶען פֶערבַּיי דֶער אויפ־מֶערקזאַמקייט פוּנ'ם קִינסטלֶער און פֶערבלִיבֶּען נִישט אויסגֶעגוּצטע און נִישט אִיבֶּערגעדִיכטעטע. זַיין ישיבה־לעבּען, אויסער דִי אלגע־מֵיינֶע בּית־המדרש מאָטִיוועֶן, האָט דאָך בִּיאַלִיק בִּיז אִיצט נִישט נעשִילדערט. אזוֹי אִיז אויך מִיט אַנדערע לֶעבּענס־אַיינדרִיקען און בעגֶעגענִישען, בִּיאַלִיק האָט, למשל, צוויי מאָל פערבראַכט אִין פּאַלעסטִינֶע, און דִי נסיעות האָבען אַרויסגֶערוּפען אִין אִיהם אַ גאַנצֶע געפִיהלֶען־וועלט, און דאָך אִיז דער קִינסטלֶער צוּם וואָרט נִישט געקוּמען. די ברויזֶענדִיגֶע רעדלעך, אִין וועלכֶע דִי שטראָ־מעניגֶע וואַסֶער אִיז זִיך צֶעגאנגען, האָבען זִיך נאָך נִישט אַיינגע־נוּמֶען, און עס אִיז נאָך שווער ארַיינקוּקען אִינ'ם טִיעפען אָבגרוּנט.

בִּיאַלִיק אִיז אַייגגֶעוואָרצעלט אִין דֶער זאפּטִיגֶער עֶרד פוּן יוּדִישע קאָנאָנִיזִירטֶע קולטור־פלאַנצוּנגֶען, עֶר שפּייזט זִיך שטענ־דִיג מִיט דִי ווִירקלִיכע צרות און ראָמאַנטִישע טרוֹימען,—און זַיין שאַפוּנגס־וועלט קאָן נִישט אַרויסוואַקסען פוּן דֶער ווִירקלִיכֶער וועלט. בִּיאַלִיק שאַפט נִישט קיין אִיבֶּער־וועלט, אַ פאַנטאַסטִיש־קִינסטלערי־

שע וועלט, ער שטעהט דורכאויס אויף דער ערד. זיין טרוים איז א שעהנער, אבער אינגאנצען א ממשות׳דיגער, נישט די פאנטאסטיק בעצויבערט איהם, נאר דער אידעאל. ער וואקסט נאר אין דער ספערע פון זיינע ווינשענדיגע אידעאלען, וואס ליגען אין די גרעניצען פון דער חבת־ציון־וועלט. אויב יעדע דיכטונג פערמאגט פילאָסאָפיע, אינערליכע וועלט־אנשויאונג, איז ביאליק׳ס געדאנקען־וועלט א רוהיגע, בעגרענצטע און אבגעשטעלטע פונ׳ם אנהויב ביז׳ן סוף. ער איז צוגעקומען ביז אחד־העמ׳ן און פאר איהם געבליבען שטעהן. אחד־העם, דער אויסגערעכענטער און זעלבסט־צופרידענער, איז פאר איהם געוואָרען דער שטערן, דער טורם אין מיט׳ן ים. ביאליק איז אין זיין דיכטונג וועניג געווען א זוכער, און וועניג האבען זיך אין זיין שאפונג געפלאָנטערט און געזוכט קינסטלערי־שען תקון וועלט־סודות און מענשען־פראבלעמען. אין יעדער פראגע איז געלעגען די תשובה און פאר די ליידען איז געווען גרייט די תרופה.

דער אמת סוביעקטיווער קינסטלער זעהט פריהער פון אלץ זיך אליין, און פון איהם הויבען־זיך־אן פונאנדערגעהן וועגען און וועגעלעך אין דער ברייטער וועלט אריין. דער קלענסטער קנייטש אין אייגענער נשמה, די מינדסטע אינערליכע נויגונג רופט זיך אָב מיט דער גאנצער שארפקייט אויף דער פסיכיק און שטימונג פונ׳ם דיכטער. די ווערק דערצעהלען מעהר וועגען אינערליכעס וועזען, ווי וועגען דער ארומיגער וועלט. ביאליק, ווי מיר האבען בעוויזען, האט זיך אלץ דערוויטערט אין זיין שאפונג פון זיין סוביעקטיווער וועלט, ער האט זיך אלע מאל געריסען אויף דעם ברייטער וועג פון אלגעמיין־נאציאָנאלע אינטערעסען, אלגעמיין נאציאָנאלע פראבלעמען.

און מיר קומען צו א בעשלוס: ביאליק׳ס לידער זענען נישט דער פולסטער אויסדרוק פון זיין אינערליכער וועלט, פון זיין כאראקטער, ארט פיהלען און צונעהמען די וועלט און זיך. ווען מיר וואלטען בלויז נאך די שירים וועלען וויסען זיין אינעווייניגער לעבען־זיין בעגייסטערונג און ענטוישונג־צושטאנדען, וועגען די געפיהלען אימפולסען, דאן וואלט פיעל געוועזען פאר אונז פער־בארגען. אבער דאס, וואס עס איז כמעט ווי פערבארגען אין די העברעאישע לידער, געפינען מיר אין זיינע עטליכע ערצעהלונגען

און אין די יודישע לידער. דאָרט טרעפען מיר זיך מעהר מיט דעם לעבעדיגען ביאַליק׳ן, מיט דעם אונמיטעלבאַרען, מיט די רוי־הע און ברויזענדיגע געפיהלען. וואָס זעגען וועניג דורכגעסטיליזירט און אָביעקטיוויזירט געוואָרען. אין זיי געפינען מיר מעהר עלע־מענטען פון זיין געזונדטע און שמאַקפולע נאַטור אין פון זיין בע־גייסטערטען און בעהאַרציגטע־מיטפיהלען און מיטלעבען מיט די ליכטיגע און שיינענדיגע לעבענס־איינדרוקען. אין די ערצעהלונגען אין יודישע לידער ליגט פיעל געזונדעס, שטייפעס און איינגע־וואָרצעלטעס, וואָס שטימט כלל נישט מיט דער וועלט־אנשויאנונג און אידעען־סביבה, וואָס איז געווען אַרום ביאַליק׳ן.

און ביאַליק, וואָס קעגען זיין נאַטור, האָט ער קינסטלעריש סינטעזירט אַחד העם׳ס אידעען וועלט, אַנ׳אָבגעשטעלטע און פאַר־גליווערטע אין איהרע לאָגישע, בעגרענצטע אידעאַלען, ביאַליק, וואָס האָט יאָהרענלאַנג זיך געפיהלט, ווי ער שטעהט ביי דעם פאָלק־גוסס צו קאָפּענס —, שילדערט אַ געזונדטע, הרחבה׳דיגע סביבה פון פעסטע, קערענדיגע פאָלקס־מענשען מיט ברייטע, זי־כערע פאָלקס־פלייצעס אין שטייפען פאָלקס־ווילען. און אין דער צייט, וואָס אין דאָס רוב העברעאישע לידער געפינט זיך דאָס יודיש לעבען אויף די וואָג־שאָלען פון זיין־און־ניט־זיין, טרעט אַרויס אין די ערצעהלונגען אַ געזונדטעס לעבען, פול מיט סטיל און קאָלאָריט,—אַ אונבעוואוסטער פראָטעסט קעגען די אָבהענגיג־קייט און פערצווייפלונג, וואָס מען האָט אין די משכיליש־ציוניס־טישע קרייזען שטענדיג געזייהט.

עס איז קלאָר: די ערשטע רעפלעקסען פון ביאַליק׳ס נאַ־נאַטור זענען גע׳שמאַקפולע, האַרציג־ליכטיגע. אַזוי בעגעהמט ער די וועלט, מענשען, געשעהעגישען —, דערנאָך קומט דאָס געדאַנק־ליכע פערצווייפעלטע. אין „אַריה בעל גוף״ „מאַרינקאַ״, „פרעה־ליכס״, מיין גאָרטען״,—וואו עס איז נישטאָ קיין דיסטאַנץ צווי־שען אויפרעגונג און שאַפען,—איז פארהאַן מעהר דאָס נאַטירליכע, אונמיטעלבארע, דאָס ממשות׳דיגע און מגושמ׳דיגע, וואָס איז נאָך נישט דורכגעגאַנגען דורכ׳ן פילטער פון פראָבלעם און אידעען־וועלט.

אַ וויכטיגע בעדייטונג האָט דאָ אויך די אייגענאַרטיגקייט און כאַראַקטער פון לשון־קורש—, צוליב דער שפראַך ווערט ביאַליק נישט ווילענדיג אָבגעריסען פון דער רעאַלער וועלט. ביאַליק

לעבט מיט דער שפּראַך מיט איהר לעבען. אין יעדען וואָרט פערנעהמט ער זיין גאַנצע טיעפקייט, די נשמה און חיות פונ'ם וואָרט; שפּראַך איז א וועלט פאַר זיך, וואָס האָט אייגענעם סטיל און לעבט מיט אייגענער דורות-לאַנגער טראַדיציע די לשון-קודש ווערטער—פיעל פון זיי האָבען פאַר די הונדערטער יאָהרען אָנגע-וואָרען זייער לעבענס-דופּק, פיעל האָבען איינגעזאפּט אין זיך פּער-שימעלט-פאָרגעלעבטע מליצה-ריח, אין פיעל פון זיי שוועבען אַרום שאָטען פון היסטאָרישע-געשעהענישען-געשטאַלטען, און עס איז גע-וועזן א שווערע און אינטערעסאַנטע קינסטלערישע אַרבייט: אַרויפ-ברענגען ווערטער, פערשרומפּענע און פערשטויבטע פון לאַנגע, איינגעשטעלטע און פערשלאָסענע מיט זייער טעם און ריח, אריינהויכען אין זיי לעבעדיגען אינהאַלט און אריינטריפען און זיי נייע פיהלען און געפאַרבען. ביאַליק—דער ערשטער העברעאישער וועלטליכער משורר—האָט בייגעשטאַנען די שווערע, אָבער דאַנקבאַרע אַרבייט: פון דעם רייכען שפּראַך-אוצר און, אין דער זעלבער צייט, פונ'ם גרויסען כאָאס פון העברעאישער ווערטער-ירושה אַרויסרייסען ווערטער און אַריינבלאָזען אין זיי פריש בלוט און נייע נשמה. דאָס וואָרט האָט בעקומען דורך איהם לעבען און פאַרב, גבורה און סטיל, ניט נאָר אין די שטראָף-ווערק, וואו ער האָט געהאַט פאַר זיך די נביאים, נאָר אויך אין די נאַטור-שילדערונגען און ליעבע-ליעדער. און דאָ איז ביאַליק דער ערשטער, וואָס האָט די שפּראַך אַזוי בויגיג און זאַפטיג, קערענדיג און קאָלאָריט-רייך געמאַכט. יעדעס וואָרט ענטהאַלט אין זיך אַזוי פיעל, ממש עס וועגט און איז שווער אויף דער וואָג.

ביאַליק האָט בעוויזען אמת'ע וואונדער, ער האָט די ווערטער מחיה-מתים געווען און בעזונדער ווייזט זיך אַרויס דאָ זיין גרויס-קייט: ער הערשט אויף דעם וואָרט, בעהערשט איהם, אָבער קיינ-מאָל הערשט ניט דאָס וואָרט אויף ביאַליק'ן. ביי דער גאַנצער עשירות פון דער העברעאישער שפּראַך, ביי דער גאַנצער ראַשיג-קייט פון דער מליצה-שטאָף, וואָס העברעאיש פערמאָגט, ווערט ביאַליק קיינמאָל ניט געפיהרט דורך דער שפּראַך.

זאַפטיג און אָנגעלאָדען איז דאָס וואָרט ביי ביאַליק'ן אויך אין די יודישע ליעדער, אָבער דאָרט לעבט מעהר ממשות'דיגע, מעהר ווירקליכע שטריכען, און עס פעהלט אין זיי דער גייסט

פונ׳ם וואונדערליכען שפראך-מייסטער. און די העברעאישע לידער איז פאראהאן מעהר אנגעצויגענע שטייפקייט, מעהר מייסטערשאפטע געשליפענקייט, מעהר קינסטלערישע שפראך-קאמבינאציע און מער-קווירדיגע שפיעל פון ווערטער, און אין די יודישע שירים ליגט מעהר אונמיטעלבארע געפיהלען, מעהר הארץ קלאפען, מעהר הארציגע פשטות. די העברעאישע לידער זענען פאלקאמער, זיי דערנעהנטערן זיך צו פלאסטישע סקולפטור-אויסגעטאקטקייט, אין די יודישע לידער איז פאראהאן מעהר בלוט און פלייש, מעהר שטיפעריי און גוטמוטיקייט.

און פערדראסיג איז: ביאליק, וואס פערמאגט אזוי פיעל בע-הארציגטע ענטציקונג, וואס האט צייטענווייז דערגרייכט צום אמת׳ן עפאס, האט נישט געשאפען דעם נייעם סטיל, וואס דארף זיך ציהען פון לעבען אין קונסט. אין די פאר ערצעהלונגען און אין איינציגע לידער בעוויזט ביאליק, וויפיל חוש און פערשטאנד, וויפיעל סטיל און שפע ער וואלט געקאנט ציהען פונ׳ם יודישען לעבען, ווען זיין גייסטיגע אטמאספער וואלט נישט געהאלטען אין איין שטיקען די געזונדע כחות און נישט קולטיווירט אין ביאליק׳ן פערציוייפלונג און פערהאסונג און דערמיט אבווענדען איהם פון פאלקס-שאפונג, פאלקס-שפראך און פאלקס-מאטיווען.

הינטער די געשטאלטען פון אריה קאצאפ און נח פון „מא-רינקא" ליגט פונאנדערגעווארפען אהן דעם בעוואוסטזיין פון ביאליק׳ן א קרעפטיג-שטייף לעבען פון אייגענארטיגע, רייכע אוצרות, סטיל און קאלאריט, וואס דאס פאלק האט געזאמעלט דורות-לאנג, פון די פאר מעשיות שיינט-אב דער אבשיין פון פאלקס-נשמה און עס טראגט פון דארט דער קלארער אבקלאנג פון הארמאני-שען, גאנצען, ראשיגען פאלקס-לעבען. ביאליק אבער האט בעווי-זען נאר איינציגע אבגעריסענע בילדער, און דאס גרויסע, פארביגע, אייגענארטיגע וואהלינישע לעבען, וואס ער האט געוויס אין זיין נשמה איינגעזאפט, איז פערבליבען אין איהם. און אזוי ווי פון דער וואהלינישער ווייכער נאטור מיט איהרע קאלאריט-רייכע און בעהארציגטע פארבען האט ער געשעפט חיות און שפע, זאפט און קראפט, וואלט ער אהן צווייפעל אויך אין דעם יודישען וואהלינישען פאלקס-לעבען געקאנט שעפען געגנוג שטאף פאר שענע קינסטלערישע ווערק. דאס וואהלינישע יודישע לעבען

האָט פֿערמאָגט פֿיעל איִנגערליכע שירה און אייגענער פֿאָלקסטימליכען סטיל. בערדיטשוב, זשיטאָמיר, פולנאה, דובנע, שעפּעטאָווקע, אַפּטא, שפּאָלע, ברעסלאַוו—אין זיי ליגט פֿערגראָבען אוצרות פֿון שעפֿעֿרישעס פֿאָלקס-לעבען, מיט אייגענארטיגען, איינגעוואָרצעלטען לעבענס-נוסח, מיט פֿולפֿאַרביגען, קאָלאָריט-רייכען סטיל מיט אויסגעהאַלטען-שענע פֿאָלקס-מענשען. און מערקווירדיג איז, וואָס דער בעל-שם, בערדיטשעווער רב, שפּאָלער זיידע, ר׳ נחמן ברעסלאַווער, פּדהצור דער כלי-זמר—די אמת׳ע פֿאָלקס-העלדען, וואָס די פּרימיטיוו נאַאיווע וואָהלינישע פֿאָלקס-שאַפֿונג האָט צוגעגעבען זיי פֿיעל פֿון אייגענעם חיות און אייגענעם סטיל—זיי אַלע האָבען בעקומען זייער קינסטלערישען תקון נישט דורכ׳ן וואָהלינישען ביאַליק, נאָר דורך דעם פּוילישען פּרץ. ווייל ביאַליק האָט מעהר געלעבט מיט דער פֿערשטיינערטער, פֿערהאַרטעוועטע, דורך דער געשיכטע קולטור און סטיל (מתי מדבר), ביאַליק האָט געהאַט מעהר שילדערונגס-שטאָף, פערמאָגט אויפֿרעגונגס-קראַפֿט פֿאַר דער חורבן-תקופה (מגלת האש) און איז דערפֿאַר דורכגעגאַנגען פֿערביי די פלאַסטען-שענקייט, פֿערביי דעם אייגענאַרטיגען פּאַטריאַרכאַלען יודישען לעבען אין וואָהלין.

דער שטראָם פֿון פֿאָלקס-לעבען און פאָלקס-שאַפֿונג האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ וועג אין דער יודישער ליטעראַטור-פֿעלד אַדאַנק מענדעלען, פּרצ׳ן, שלום-עליכם׳ן, אַש׳ן,—און ביאַליק איז נאָך אלץ פֿערבליבען אויף די בערג-שפּיצען פֿון אַבסטראַגירטער רוח-היהדות און ער לעבט נאָך אַלץ מיט די מיטעלאלטער-קאָנסערווירטע, ראמאנטישע-טרוימען פֿון דער פֿער׳עקשנ׳ט-אָבגעשטאַנענער חעברעאיסטישער וועלטיל.

אויף דער גרעניץ פֿון צוויי תקופות שטעהט ביאַליק.

ער איז דער גרעסטער און אפֿשר אויך דער לעצטער אויסדריקער פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט-בעשטימונג. דורך איהם איז די יודישע נאַציאָנאַלע ריכטונג דורכגעגאַנגען א שטיק-וועג, ער האָט אין פֿערגאַנצטע, פֿערענדיגטע פֿאָרמען קאַנאָניזירט די אַלטע בית-המדרש יודישקייט און דערפֿיהרט זי ביז וועלטליכער שענקייט. ער האָט דורכגעוואָרפֿען דעם בריק צווישען צוויי דערווייטערטע וועלטען,—צווישען דער מיטעלאַלטערישער, רבנישער און דער

וועלטליך־קינסטלערישער. און ער אַליין שטעהט אין מיטען: ער פֿערמאָגט די קאמפליצירטע, שעפֿערישע מעגליכקייטען, די וועלט־ליכע קינסטלערישע פֿאָרם,—און איינצייטיג לעבט זיין גייסט אין „אַלעבען, וואָס איז שוין לאַנג בטל״, און זיין נשמה שפייזט זיך מיט דער קולטור, וואָס איז שוין פֿער׳משפט געוואָרען צו ווערען געשיכטע.

ביאַליק׳ס שאַפֿונג געהט שוין איבער אין נאציאָנאַלע שאַצען, אין קאַנאָניזירטע נאַציאָנאַלע שאַצען. ער פֿעריגעלט מיט זיך די בית־המדרש־קולטור, די משכיליש־טרוימערישע רייסעניש צו וועלט־ליכקייט, צו קאָסמאָס.

ביאַליק האָט דער ערשטער ארויסגעפֿיהרט די יודישע פּאָ־עזיע פֿון ענגען משכילישען קרייז אויף דעם ברייטען וועג פֿון אמת׳ער דיכטונג, פֿון עכטער אינטואיטיוו־שעפפערישער קונסט.

קיעוו 1917.

פרייז 80 מאַרק

אויסשליסליכער פאַרקויף:
צענטראַלער ביכער-לאַגער
„קולטור-ליגע".

וואַרשע, לעשנע 52, וו. 3.